STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09110

# IN NIGN AYNGEHERT

Israel Emiot

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



# ישראל עמיאָט

# אין ניגון איינגעהערט

ישראל עמיאָט

# אין ניגון איינגעהערט

(לידער)

אַרויסגעגעבן דורכן ראָטשעסטער קולטור-ראַט
1961

הויפּט-פאַרקויף „ציקאָ״ ביכער-צענטראַלע, ניו-יאָרק.

**ISRAEL EMIOT**

# "IN NIGN AINGEHERT"

## IN MELODY ABSORBED

(Poems)

Published by
ROCHESTER CULTURE COUNCIL
1961

Available at
**CYCO Bicher Farlag**
25 East 78th Street
New York 21, N. Y.

Printed in U.S.A.

GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York City
166

***

ס׳איז אַ זאַמלונג מיינע לידער פון פאַרשיידענע צייטן. בלויז אַ קליינעם טייל פון דעם וואָס כ׳האָב שוין געדרוקט האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַריינגענומען צו ווערן אין בוך. טייל לידער זיינען מיר פאַרלוירן געגאַנגען. ביים אָפּקלייב פילט זיך טיילמאָל דער דיכטער ווי יענער אומבאַהאָלפענער מענטש, וואָס ראַטעווענדיק זיך פון אַ שרפה, כאַפּט ער דאָס מינדערוועַרטיקע איבערלאָזנדיק מער ווערטיקס, זאָלן מיר די לידער וואָס זיינען אפשר מער ווערט געווען זיי צו פאַרהיטן פון דער פאַרגעסנקייט, מוחל זיין.

***

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון יוסף ווינעצקי־פאָנד ביים יידישן פען־קלוב אין ניו־יאָרק (פאָרזיצער אהרן גלאַנץ־לעיעלעס). כ׳דאַנק אויך די יחידים וואָס האָבן בייגעשטייערט צום דערשיינען פונם בוך, ווי פריינט לואיס סיגאַל (ניו־יאָרק), איציק וואָלק (באָפאָלאָ), שלמה באָגאָראַד, דעם ראַטשעסטער קולטור־ראַט (פאָרזיצער מענועל ל. האָפמאַן, סעקרעטאַר — לואיס ראָזענשטיין, קאַסירער — איטשע ניומאַן) און מיין אָסטראָווער לאַנדסמאַנשאַפט וואָס האָבן מיטגעהאָלפן דאָס דערשיינען פונם בוך.

ד ע ר   מ ח ב ר

# סיביר

## חלומות

.1

מיין חלום גראָבט אַלץ טיף די שיכטן
פון מיין קינדהייט, פּלאַסט נאָך פּלאַסט,
אַריין־אַרום גייט גאַסט נאָך גאַסט
אין אונדזער הויז, אַלץ אומגעריכט איז.

און געפאַרבט פון טאָג דאָס ליכט איז,
ווי מעד געבראַקט מיט נים, ווי ס'פּאַסט
פאַר חול־המועד, ווען אונדזער גאַס
מיט אַזאַ אָוונט־ליכט געדיכט איז.

עלנט צי איך פרי די דעק אָפּ
פון מיין געלעגער, פרירינ קאַלט
קוקט אין שויב אַריין דער וואַלד.

איז אַזוי פיל טעג און וועג אָפּ?
אַזויפיל וועג פון מיר צו מיר
ווי פון פּוילן קיין סיביר.

.2

דיין ספרים-שראַנק, אַ, זיידע מיינער אָרים,
פון סוכות נאָך געבליבן אין דער שראַנק
אַן אתרוג, אויסגעטריקנט לאַנג
און שמעקט נאָך אַלץ, און סע שמעקן אַלע ספרים.

די זון שענקט אַ קעסטל שיין אין דרום
און אויפן טיש איז אָפן נאָך דער דף
וואָס כ׳האָב געלאָזן אין חכמה טיף פאַרגאַפּט —
געוועזן אַ מענטש און איז געוואָרן וואָרים.

מסתמא שיינט ס׳געזיכט מיינם אינם חלום,
אַזש לאַניע גנב ווערט אַ רודף-שלום,
לאַניע ביי מיין זייט, מיין שכן.

ער וועקט מיך שטילער, און ביז ווען איך וועק מיך
דערזע די וואָר און דערשרעק מיך,
פלאַנטערט זיך מיין יום-טוב אינדערוואַכן...

## 3.

אָ, וויפל פעלט אַ מיש צו טאָן די בלעטער
און ס׳איז אַזאַ מין שבתל בייטאָג,
דאָס שבתל, דאָס איינציקס וואָס כ׳פאַרמאָג,
און ווי דאָ — אַ ווינטיק שנייאיק וועטער.

שבת-אויבס גיט די באָבע שפעטער:
— קינדערלעך, וואָס איז דאָס געיאָג?
„ברכי נפשי״, דערווייל די באָבע זאָגט, —
שיט און שיט דער שניי אָן גאַנצע מעטערס.

ביים ים פון שניי, ווי ביי תשליך, פון די טאַשן,
איך וואַרף די זינד און קען זיך נישט דערוואַשן:
— נאַ דיר אַלץ, נאָר גיב מיין שבת אָפּ.

נאָר דער גזלן האָט אַלץ באַרויבט מיך קודם,
איך קלאַמער זיך אין באָבעס שטיבל-בוידעם,
נאָר ער וואַרפט פון דאָרט מיר אויך אַראָפּ...

אַוודאי איז אַמאָל געווען יום-כיפּור.
איז ערשט אויך, און פרעג מיר נישט קיין שאלות,
איך שטיי נאָך איצט אונטער זיידנס טלית
קוק פון דאָרט אַזש אַהער אַריבער.

אַזש ביז צו מיין קלאָגל-טאָג, מיין טריבן.
ס'איז אַ טעות, מע דאַרף דאָך זאָגן „יעלות",
נאָר דער כאַם רעכנט אוים די מעלות
מיטן טמאן פּיסק, מיינע זינד די זיבן.

כ'ענטפער נישט דער מיאוסער שלאַנג, דער הידרע,
מיינע גלידער זינגען ערשט „כל נדרי"
און וואָס איז מיר מיין בייזער בריגאַדיר?

ביז איך וועל צעהאַקן אַלע שטיינער,
וועל איך אין זיך שוין האַלטן ביי עלינו,
אַ גוט-יאָר ווינטשן יידן ביי דער טיר.

.5

איז ווער וועט מיר דעם וועג דען ערשט פֿאַרשפּאַרן
אַהין, אַהין וואו כ׳בין מיט מיין „רמח״?
ס׳איז ווייט דער וועג, און ס׳קומט גיך אָן די נאַכט,
קיין קרעטשמער נישט, און נישט קיין אַרענדאַרן.

ס׳אַ וויסט, ס׳אַ וואַלד, סע לויערן געפֿאַרן,
נאָר סע בליצט אַ ליכט, ערגעץ איז מען וואַך,
מ׳האָט אַ טיר אין חושך אויפֿגעמאַכט,
און זע! ס׳איז דאָך מיין גוטער פֿעטער אהרן!

וואָס טוט מיין פֿעטער אַזוי שפּעט אין חצות?
ער לערנט תורה אַזוי־אַ ביז כּעלות,
כ׳הער נאָך קלאָר זיין האַרציק זיסן ניגון.

אַז איך כאַפּ מיך אויף, איז אַלץ מיר נאָך נישט קלאָר:
אַ ליגן איז מיין פֿינסטער־שווערע וואָר,
צי אפשר גאָר מיין חלום איז אַ ליגן?...

.6

האָט אָפּגעפּאַסט אַ ייד אַ פּערציק יאָרן
אויף גלות־שכינה און אַצינד געשיקט
זיין בליק צו מיר. אַ, ווי איז מיר, אַ בליק
אַז כ׳בין פון אים פאַרציטערט אַזש געוואָרן.

זיין פנים ווערט נאָך לויטערער, נאָך קלאָרער.
עס קוקט מיך אָן דער צדיק, ר׳ מאיר יחיאל *),
געשמועסט אַמאָל אין לערנען, ער וויל
אויך איצט מיר זאָגן וואָס מ׳טאָר נישט.

אַ, משפּט מיין נשמה מיט טויזנט טויטן,
און לייג מיך, לייג מיך ביי די פּלויטן,
כ׳בין אינגאַנצן דיין, אַ הייליקער ייד!

מיין באָבע האָט אַמאָל געריסן קברים
אין מיין קרענק, נאָר איצטער בין איך אָרים
ווען סע גליט אין פיבער מיין געמיט.

---

*) דער באַרימטער אָסטראָווצער רבי, ר׳ מאיר יחיאל הלוי, אַ גרויסער גאון און צדיק וואָס האָט פערציק יאָר אָפּגעפּאַסט אויף גלות השכינה.

.7

. . . און מעשיות הערן אין מלווה-מלכה נעכט,
און איך בין אַ שאָטן אין ווינקל איינגעהערט,
און מיינע יידן זיינען שטיקער הימל אויף דער ערד,
יידן ווי ביי מערזערן אויפן בלעך.

און די לבנה גלייך פון צווייג ווי אַן עפל מען ברעכט
און מיט קפיצת הדרך פליען פערד
אהין וואו דער וואונדער איז באַשערט,
דער צדיק פירט מיטן שטן ערשט געפעכט.

פאַרוואָס געשעט קיין וואונדער, גאָט, נישט מער?
אַלע נעכט האָסטו געברענגט אהער,
פון גאַנצער וועלט און דאָ זיי אויסגעצויגן.

די לבנה זיך גנבעט אין אַ זייט
און איז ווי קיינמאָל אַזוי ווייט
און שעמט זיך צו קוקן אין די אויגן.

8.

חלומען זיך מיר ספרים יידישע מיט רש"י-כתב,
פאַרגעלטע בלעטער דפוס אמסטערדאַם,
אַ ירושה פון אַן עלטער-זיידן מן-הסתם,
אַ צדיק מפורסם, אַ רב בן הרב.

און איך בלעטער אַזוי כסדר דף נאָך דף:
„ודע — און וויים בן אדם, אַז אין יעדן פלאַם
לויערן די קליפּות פון דעם ס"ם,
אין גוטס און שלעכטס פאַרמישט דאָס גאַנץ באַשאַף.

און די וואָס ווערן פון זינד נישט זאַט,
ווערן שפּעטער מגולגל אין אַ בלאַט
אויף אַ בוים געוואָרפן פונם ווינט.

— — — — — — — — — — — —

דאַרף מען נאָך אָפּקומען די זינד?
דער בלאַט איז שוין אָפּגעפליקט פון בוים,
ליגט אין רינשטאָק און באַוועגט זיך קוים.

.9

ווי זאָגט ר׳ אברהם חיים *): אין גיהנום איז אויך דאָ גאָט,
טיילט ער יידן איבערגעשריבענע קאַפּיטלעך תהלים,
ווייל מע דאַרף דאָך זיין בלינד נישט צו זען אים פאַרהילן
און אין אַכזריות נישט דערקענען זיין גענאָד.

נישטאָ קיין פּשט אויף דער וועלט, ס׳איז כלו סוד,
אַז סע פיינקט זיך אַ מענטש ברענען גווילים
נאָר יידן קענען זינגען „שבחו גאולים"
אפילו ווען באַלאַגערט איז די שטאָט.

ס׳איז כלו חייב, די וועלט זי ליגט אין תהום,
נאָר ר׳ אברהם חיים זוכט ווי אַמאָל אין סדום
די גערעכטע פּופּציק צו געבן וועלט אַ תיקון,

ביז וואָס-ווען טרייבט מען צום „אַפּיל",
און וועכטער שרייען, און די הינט עס בילן,
עס פעלן צום חשבון אפשר די צדיקים? . . .

*) ר׳ אברהם חיים, אַ ליובאַוויטשער חסיד פון סאַמאַרקאַנד, געזעסן מיט אונדז אין לאַגער.

.10

און ר׳ אברהם חיים שרייט: „נישט פאַרגעס,
האָסט אַ זיידן געהאַט דעם הייליקן ייד,
בינד זיך אָן אין אים, ער ציט
אַרויס דיר פון שערי־טומאה די מים־טית.

ביי אַ יידן איז אַ תפילה דער מעת־לעת:
דער פרימאָרגן — אַ קאַפיטל תהלים אין געמיט,
און נעילה — דער פאַרנאַכט און רויט צעגליט,
און אין בייטאָג — אַ משל אַלץ וואָס זעסט.

און אַ ווייסער קיטל ווערט דאָס פעלד מיט שניי,
אין סיבירער לאַגער שטייען יידן צוויי,
מ׳רעדט און מען דערדערעדט זיך צום בעל־שם,

ביז שפעט אַזוי, ביז דניעוואַלני שרייט „אָטבאָי!״
און ס׳איז אַלץ אַ משל, אויך דער פרעמדער גוי,
און פרעמדער ווערט נאָך אַלץ וואָס איז די פרעמד.

.11

משה בראָדערזאָן וויקלט ווי באַנדאַזשן אויף די וואונדן זיינע וויצן
און ר׳ אברהם חיים זאָגט: אַז דו ווילסט איז גאָר אַ זכות
מגולגל ווערן אין סיביר, פון טומאה דער רשות,
ווייל דו ווייסט דען וויפל ס׳בעטן זיך ניצוצות,

הייליקע, פון שלעכטם אַרוים נעם און באַשיץ אונדז,
און מיט עמערם שעפּסטו אונטער יעדער קוסט,
בימי בעל שם האָט מען ס׳אָרט דאָ נישט געוואוסט,
ער וואָלט אַהער געלאָפן מיט דרך־קפיצות.

פון מעזשיביזש ביז לענאַ מי יודע ווי ס׳איז ווייט,
ר׳ אברהם חיים דערנעענטערט דעם שטח און די צייט,
כאָטש גרויזאַם פאַרכטיק לאָזט אַראָפּ זיך סיבירער דעמער

הערסטו אַ מעשה: דער בעל־שם פלעגט פאָרן אויף יארידים
מתקן זיין נשמות און דו ביזט אַ חסיד פון די חסידים,
און דער ווינט ווערט אַ זמר.

.12

. . . וילבש קללה כמדו
(תהלים)

מיין גאָט, איך גלויב דיר אַזוי פיל,
גלויב מיר אויך אַ ביסל...
האָסט מיך געשאָלטן מיט אַזוי פיל פּרואוו,
שטאַרק מיר דאָס געוויסן.

כ'האָב אָנגעטאָן די קללה אויף זיך
און סע סטאַרטשען אַרוים די גלידער,
גיב לויט מיין מאָס צו שטייגן אין דער הויך
און צו פאַלן אין דער נידער.

צווישן דיין באַשאַף וויל איך נישט זיין גרוים,
נאָר אויך נישט זיין דער קלענסטער,
דיין גרויסע זון שענקט דאָך בלויז אַ שטראַל
אין קליינעם טורמע-פענצטער.

האָסט מיך געמאַכט פאַר דיין היילוקער,
לאָז מיך נישט ווערן דיין פאַרשווועכער,
האָסט דאָך אַ מאָס געגעבן אפילו דעם קאָליר
אינם בלומען-בעכער.

און מיט אַזויפיל פינצטערניש געשטראָפט די נאַכט
זי זאָל זיך נישט איבערשוימען,
און אַז דו האָסט דעם ים פאַרשאָלטן מיט ווילדערניש
האָסטו דאָך אים אויך געטאָן מיט אַ ברעג צוימען.

.13

# אַ תפילה פון אַ מענטשן אין שניי

ס'איז היינט קיין בלוט-פלעק נישטאָ אין שניי,
מ'האָט קיינעם נישט געשאָסן, איז שניי און שניי.
אַרום דיר — שניי,
אין דיר שניי —
ווייס צו ווייס.

אָ, באַהיט מיך, גאָט, פון די שנייאיקע ווערטער:
„מנא מנא תקל ופרסין"
פאַרן דאָרפיש פנים: שניי
פאַרן הימל וואָס האָט נישט וואו צו פאַלן
און פאַלט אין שניי,
פאַר טויערלעך צעוויגטע אין ווינט
וואָס האָבן אַזוי פיל צו זאָגן
און זאָגן בלויז: שניי
פאַרן דאָרפיש פנים: שניי,
פאַר שחרית — שניי, מוסף — שניי, מעריב — שניי,
פאַר מזרח, מערב, צפון, דרום — שניי,
אַ מענטש אין שניי,
אַ הונט אין שניי,
אַ פערד אין שניי.

דאָס טאָגל ציילט ווי אַ קינד
ביז צוויי:
איינס — שניי,
צוויי — שניי,
שניי,
שניי.

# אַגינסקי׳ס פּאָלאָנעז אין סיביר

.14

ביז פּופּציק גראַד די פּראָסטיק שטייפע טעג ,
וואו וועסטו זיך אַהינטאָן, מיין דינער, ווייכער ניגון?
דאָ לאָזן זיך בעריאָזעס נישט פאַרוויגן,
זיי גליווערן מיט שניי, פאַרשיט ביים וועג.

מיט דיין פּאָלאָנעז אין ברוסט ווי אַ פאַרמעג,
און ראַדיאָ־קלאַנגען וואַרעמען אָן דעם שטח,
איך וועל אַרויס אַ זיגער פון געוועט איצט,
נאָך פאַרן קלאַנג דערגרייכן כ׳וועל דעם ברעג.

ביים ברעג איז האַרבסט, ס׳פאַלן נאָך געלע בלעטער,
און אַ האַנט איז דאָ וואָס ציילט זיי איבער שפּעטער,
און יעדער בלאַט איז אַ ליבע־בריוו אין טרויער.

מיין קינדהייט בלאָנקעט דאָרט אויף טויאיקער פּאָליאַנע,
נישט פאַרשטייענדיק, זי האָט טיף אַזוי פאַרשטאַנען
און בענקט, ווי דו, ביים פאַרמאַכטן טויער.

# ת פ י ל ה

.15

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדערס וועגן..
(פון אַ פאָלקסליד)

גאָט, גאָט, גיב נישט קיין רעגן,
פאַר די גרויסע קינדערס-וועגן,
דער רעגן, דער רעגן איז נישט געבענטשט,
ווען ס'ווייקט זיך אין בלאָטע און סע שטינקט דיין מענטש.

דיין מענטש, דיין מענטש איז פאָרט עפּעס דאָך,
אָן אים איז פרייד נישט קיין פרייד און בראָך נישט קיין בראָך,
און וויפל קומט אָן מיט דער גרינער גאַל
צו פּוצן און פּוצן דעם גאַנצן וועלטאַל,
זיך אויסגעשפּיגלט און דו ביסט אַזוי שיין,
ווייס דאָך אויך בלויז דערפון דיין מענטש אַליין,
ווייל בעל-חי איז נאַריש און קריכט פון דער הויט,
פאַר דיין קנעכט אפילו, דיין שאָטן, דעם טויט:
סע צעבילן זיך הינט אין שטאָט אויף דער קייט,
און הענער זיך וועקן פאַרטאָגיק צעקרייט,
אַ נאַרישע שמחה אויף זייערע קעפּ,
ווען פרעמדער פאַרציט דאָ שוואַרצענעם קרעפּ
אויף הייזער, אויף גאַסן פון שטאָט אינדערפרי,
יענער, דער פרעמדער, דער גאַסט פון נישט הי.
נאָר מענטש, דיין מענטש, ווייס איינער אַליין,
דיין ווינק אין אַ צווייג וואָס וויגט זיך, דיין מיין,
דיין אָפענע שפּראַך אין טאָג ווען דו באַווייזט
ווי אויף דער האַנט אַלץ און אין נעכט ווען דו שווייגסט,
און וואָס ס'איז אָפן געוועזן ווערט פאַרבאַהאַלטענער סוד,
טאָ פאַרשעם נישט דיין מענטש, דיין צירונג, מיין גאָט.

16.

Smutno mi Boże . . .
(słowacki)

# הימן צום זונען־אונטערגאַנג אין סיביר

איז מיר אומעטיק, מיין גאָט, וואָס די שקיעה איז דאָ אַזוי שיין,
מיט אַזוי פיל פאַרבן, אַזוי פיל פאַרבן,
אויף דיין הימל — אַזוי שיין און אונטן — אַזוי מיאוס
מענטשן שטאַרבן...
איז מיר אומעטיק, מיין גאָט...

ביזט אַוועק, אַוועק, און פאַרבעטן פייגל אין דער ווייט
ווי צו אַ חתונה, צו אַ שמחה־פלאַקער,
ווי אַ פויער וואָס לויפט אַוועק און לאָזט איבער זיין פעלד
אין ברען פון פאַרזיי, זיין פעלד נישט געאַקערט —
איז מיר אומעטיק, מיין גאָט...

אָ, אַנטפּלעק מיר דעם שליסל צו דיין פאַרבאָרגענער שטאָט
כ׳וויל וויסן דעם זין פון דיין משפט, דעם האַרבן,
פאַרוואָס אַלץ ביי דיר אויבן איז אַזוי וואונדערלעך שיין
און אונטן אַזוי מיאוס וועלן מענטשן שטאַרבן —
איז מיר אומעטיק, מיין גאָט...

# אַ תפילה פאַרן שוואַכן

.17

און דעם שוואַכן — אָ, העלף אים, העלף אים, גאָט,
ער זאָל צו אַ מענטש זיין געגליכן,
ס'האָט אים באַשפיגן די וועלט, זאָל ער צו דיר,
אויף אַלע פיר כאָטש דערקריכן.

דיין אייביקייט גרייט אָן די וועלט
פאַרן העלד, דער שוואַכער האָט דיינע מינוטן געוואָלט נאַשן,
און איז געבליבן אַזוי ווי אויף אַ יאַריד
אַ באַגנב'טער ייד, מיט ליידיקע טאַשן.

ביזט אַלמעכטיק און טראָגסט אוים אויף זיך
די מאַסע, די שווערע פון וועלטן און שטערן,
נאָר דער פאַרנאַכט איז דאָך אויך דיינער, דיין שוואַכע מינוט,
ווען דיין הימל עם גליט פון בענקשאַפט און באַגערן.

טאָ העלף אים, דעם שוואַכן, העלף אים, גאָט,
ער זאָל צו אַ מענטש זיין געגליכן,
ס'האָט אים באַשפיגן די וועלט, טאָ זאָל ער צו דיר
אויף אַלע פיר כאָטש דערקריכן...

18.

## אויסגעחלומט שטיל־לעבן

אַ גלאָז טיי,
אַ שיינע, ריינע גלאָז טיי,
אַ היימישע, אַ שמעקנדיק זיסע,
אין דין געשליפן גלאָז
אויף אַ שטילן טיש,
באַדעקט מיט ווייס,

אין דער ליכטיקער שטוב.
אַ צייטונג מיט נייס,
אַ וואַזאָן ליידיקגיין,
גאָרנישט טאָן מאָרגן.
איך טרינק פּאַמעלעך, פּאַמעלעך
דעם כוס
און רויכער
אַ געשמאַקן פּאַפּיראָס.

⁂

19.

כ׳וועל טוישן דאָס ברויט אויף אַ קעסטעלע טאַבאַק,
געוואוינט שוין, געוואוינט שוין צו אַ טאָג אָן ברויט,
וואָס זאָל איך טאָן? — אין מעבר יבק
זעט זיך נישט פאַר אַזאַ מין אָ טויט.

דערעסן דאָס אייביקע אין ריי גיין, אין ריי גיין,
און ס׳איז גאָר אַ ברכה: מיט די פיס צום טיר,
אַז כ׳האָב שוין פאַרגעסן צי דאַרף איך אויף צוויי גיין,
צי גאָר, ווי אַ בהמה, קריכן אויף פיר...

⁂

.20

צי מיט מיר, צי אָן מיר,
וועלן טעג אויסגיין מיט אַ טויט, אַ האַרבן,
און בעריאָזקעס וועלן אַרומגיין און זוכן זייער פאַרלוירענע בענקשאַפט
און וויינען זוכנדיק.

און שטיינער וועלן זאָגן: אַ סוף, אַן עק, פאַרפאַלן,
און שווייגן,
נאָר פייגל וועלן שטורעמען די הימלען און מאַכן סקאַנדאַלן
אויף צווייגן.

און גראָזן, וואָס האָבן זיך באַגנוגנט וואַקסן ביי דער סאַמער ערד,
וועלן זאָגן: פּאָטערל — טו מיט אונדז וואָס דו ווילסט,
נאָר נישט שטאַרבן.
ס'וועלן זיי אויפעסן די פערד,
נאָר די פערד וועלן אויך שטאַרבן.

און איך וועל זיין אַ בלום דעמאָלט, צי עפּעס אַנדערש וואָס,
אין וועלכע די אַרבעטסזאַמע ערד וועט מיין געביין פאַרוואַנדלען,
די צייט — די זשומענדיקע בין
וועט מיר אויסנאָגן דעם האָניק און די פאַרבן
פאַר דער אייביקייט,
איך וועל אַ בלום זיין
און ווידער שטאַרבן.
און מענטשן וואָס וועלן דעמאָלט זיין?
זיי וועלן מסתמא טאָן דאָס און יענץ,
און אַז זיי וועלן נישט האָבן וואָס צו טאָן,
וועלן זיי זיך קוילן און שטאַרבן,
אָדער גלאַט אַזוי שטאַרבן —
אַ געשעפט צו שטאַרבן?

***

21.

און ערשט איז שוין גוט, די ביינער, די דאַרע,
באָדן זיך אוים אין ווייכן געלעגער,
נאָר נישט איינמאָל כ׳פיל זיך אַן אַרעסטאַנט אויף דער נאַרע
און הער דעם „שטיי אויף״ נאָך אַלץ פונם וועקער.

און כ׳צי פון געוואוינשאַפט צום דיל נאָך די קליידער,
ס׳וועט וואַרטן אַ פרירקער דרויסן, אַ גראָווער,
ווען וואַלד און וועג און קופּקעלע הייזער,
איז איין טונקעלער פלעק אויף עפּעס אַ טאָוול.

# פון פריער און שפעטער

# באַד אין מינאָר

בעט מיך איבער מיט גאָט,
כ׳שטיי זינדיק ביי זיין שוועל
און שעם זיך ווייטער צו גיין.

מיט אויגן פול געוויין
שטייט די גאַנצע וועלט,
זי ווינקט נישט מער מיט פאַרפירערישע פייערן,
מיט טויזנט שטעט אויף זיך און מיט שטערן
איז זי אָרעם און אַליין,
ווי אַ פויער
אָפּגעברענט אַלע זיינע שייערן, —

און אַז מיין וואָרט איז בלינד
און ווייס נישט וואו צו גיין,
זאָל דער ניגון דערגיין
און אויסגעפינען אַלע אָנהויבן און סופן,
און אַז ס׳האָט גאָט מיך געטאָן שטראָפן
מיט טויט וואָס ליגט אין מיר ווי אַ וולד
העלף מיר אין אַ מזלדיקער שעה אים געווינען,
לויטער אַזוי און אָן אַ שאָטן,
ווי אויפן בוים דער בלאַט,
וואָס אין זיין ביסל גרינען
איז ער אויך אין גאָט געראָטן.

בעט מיך איבער מיט גאָט,
לאָמיך ווערט זיין זיין גענאָד,
ווי דו, ניגון, וואָס ביסט פון אים אַרויסגעוואַקסן,
ווייל כאָטש אַ ווערימל איז מיין טראָט,
איז פאַרפלאַנצט אין מיר זיין סוד
ווי אין די גאַלאַקסן.

.1958

# צו דער אומגעקומענער מוטער

כ׳בין אַ מענטש נאָר, אַ מענטש פאַרגעסט
גרויסע פרייד און גרויסן טרויער,
נישט אויסבאַהאַלטן פון דעם געזעץ:
פון זכרון פאַרגייט אַ מת
און דער ווײ פון שיידן — אומגעהויער.

כ׳בין אַ מענטש נאָר און מיך דערפרייט
פון אַ פּיאַנאָ שטילע טענער,
פון בלומען ליב איך אַלץ די רויז.
דער טאָג פאַרגייט, די נאַכט פאַרגייט,
ס׳איז גרויס מיין ווײ ווען קלענער
דער זומער ווערט אַ מינוט נאָר בלויז.

נאָר ס׳טרעפט אַמאָל, ווי נאָענט איך פיל
עס גייט מיין טראָט דיין לעצטן וועג אויס
און כ׳שטיי, ווי דו, פאַרן פיינט דער ציל
פאַר איין טויט, און טויטן פיל,
און כ׳נאָג דעם פיין ביז צום ברעג אויס.

.1940

***

אַלע שטעט, אַלע גרעסטע ענדיקן זיך דאָך,
און דאָס בילד איז אומעטום גלייך:
אַ גאַס וואָס פאַלט אין אַ ליידיק פעלד אַריין,
אַן אומעטיקער וואָקזאַל, אַ טייך.

גיב מיר די שטאָט, וואָס זאָל זיך ציען און ציען אָן עק —
אַ ניגון אַזאַ, אַ צעזשומטער וואָס האָט נישט קיין ברעג,
אָ, סוף שטאָט, אָ, ווייטיק פון לעצטע מויערן געציילט,
וואו עס טוליעט זיך דער עכאָ פון שטאָט אַזוי אומעטיק
צום פעלדישן שטעג.

לייגט אַ ריז זיין צעשטורעמטן קאָפּ ערגעץ אין אַ מוטערס אַ שויס,
וויינט אים זיין ברויזנדיק לעבן פון יעדן אבר אַרויס.
כ'האָב אין מיין זומער געוואָלט זיך פאַרגעסן,
ענדיקט ער אויך זיך מיט האַרבסט,
און מיין טאָג לייגט זיך ביי דער שוועל פון נאַכט אַנידער און שטאַרבט
און מיין צעכוואַליעטער ניגון וואָס פירט מיך אַ ווייַלע פון זיך אַליין
אַוועק,
ציט אויך זיך צו זיין שטילן, צו זיין רואיק ברעג.

אָ, גיב מיר די שטאָט וואָס זאָל זיך ציען און ציען אָן עק —
אַ ניגון אַזאַ, אַ צעזשומטער, וואָס האָט נישט קיין ברעג.

.1931

# מיין רבי ר׳ שמעון

כ׳האָב אַלע פייגל אויף די דעכער דאָן געקענט,
מיינע אויגן — זייערע שטילע נעסטן,
פון פענצטער האָט אַ לייטער צום הימל גלייך געפירט,
און די טרעפּ צו אים — די קנייטשן אויפן רבינס שטערן.

געלט איז געווען גענוג, מלאכים האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן
נאָר וואַרפן מיר פינפערלעך פאַר זאָגן גוט דעם חומש.
אַמאָל האָבן זיי מיר די סאַמע זון אַראָפּגעוואָרפן פון דער הויך,
איז זי זיך צעשפּרונגען — אַ פולע פאַדלאָגע מיט שטראַלן
איז געווען גענוג פאַר מיר און פאַרן רבין אויך,
פאַר זיין הויז־געזינד און פאַרן קעצל אויך,
וואָס פלעגט לויפן אויפן ווילדן שטראַלן־שפּיל
ווי אויף להבדיל אירע עכברושים.

היינט, אין צוואַנציק יאָר אַרום, אין דער פרעמדער שטאָט,
קומט מיין רבי מיר בעטן אַ נדבה,
מלאכים רעגענען נישט מער מיט קיין געלט
און אַז מלאכים זיינען שלעכט טאָ ווי איז שוין אויף דער וועלט ?
מענטשן זיינען ביטער, האָבן זיי מיין רבין פאַר אַן אָרימאַן אויסגעשטעלט
אַריבער די זיבעציק אין דלות איינגעשפּאַנט,
וויל מיין רבי די פינפערלעך צוריק
— וואָס די מלאכים האָבן מיר געוואָרפן —

נעם איך און גיב מיין רבין טאָפּלט ווי ער וויל,
האָט זיך אויף זיין פּנים אַזאַ פרייד צעשטראַלט,
אָט באַלד, און פון רבינס קנייטשן אויפן שטערן
וועט אַ לייטער ווערן
צום בלויען הימל פון די קינדער יאָרן.

.1928

⁂

דערבאַרעם זיך אויף מענטשן וואָס טראָגן
וועלט־איבערקערעניש אין זייער בלוט,
און פּטרן זיך אויף ריזיקע
פון גאפּע־פאַרער אויף באַנען,
און שטאַרבן אונטער די רעדער פון אַ צוג.

אויף אַלע וועלטן אויף אַלע שטערנס
וואָס ווילן שלאָפן און מע לאָזט זיי נישט
און מוזן דרייען זיך
אַרום זיך אַליין צי אַרום עמעץ אַנדערש וועם,
ווי בלינדע פערד דרימלענדיק
אין אַ קאַשע־מיל.

די וועלט האַלט אין איין יעדן
באַגערן און ווערן,
און געבערט ווילד גראָז
און זי האָט אויף דער גיך פאַרקוקט
און געוואָלט געטלעכעס, געטלעכעס,
געטלעכעס שאַפן —
דערבאַרעם זיך אויף איר.

מיין קינד האָט דיך געאַנט
און ווײנט אָן אַ פאַרוואָס,
און יעדער כלי פאַלט פון מיין האַנט
ווען זי האָט דיך מיט איר שטומקייט פאַרנומען.
איך בין נישט זיכער מיט מיין טיש
מיט מיין וואַנט
זיי זאָלן זיך נישט אויפהויבן אַ פראָסט אינדערפרי
און אַנטלויפן פון מיר,
פון דער פאַרפאַלגט —
דערבאַרעם זיך, דערבאַרעם זיך,
דערבאַרעם זיך אויף אַלץ.

*
**

ס'האָט די וועלט דיך דערזען
און זי וועט אייביק שוין,
אַ שיכורע פּאַר פרייד,
אין איר אייגענעם קרייז
זיך קאָלערן אַזוי
טאָג און נאַכט,
טאָג און נאַכט.

כ'האָב דיין גאַנג דערקענט אין מיר —
האָב איך אין טויט פאַרגעסן,
און בין אָנגעפילט מיט פרייד,
ווי אַ פרישע פרוכט מיט זאַפט,
אַז יעדער צער וועט אַ חלף
זיך איינשניידן אין האַלז
און דאָך די זעל נישט גרייכן.

.1928

דער פידל שפּילט, מיין לעבן ווערט אַ וואונדער,
ווערט אַ ניגון אויף אַ סטרונע ווייך צעצויגן,
און וואָס כ׳האָב ווען געפּילט, אונטערן בויגן
ווי טענער צעקרישלען זיך באַזונדער.

ס׳איז פיל פרייד געווען, פיל האַרבער ווײ, איצט לינדער
גייט אויפן וואָלקן אויף זיבנפאַרביק דער רעגנבויגן.
ס׳איז אַ שטורעם ווען געווען און מיינע אויגן
האָבן געשפּיגלט שוין דעם פלאַם פון אונטערצינדער.

ערשט איז שטיל, פון קוועלעכל רינען טענער,
מיין טיפסטער ווי׳ וועט ערשט נישט ווערן,
און יעדער בליק וואָס פלעגט מיין רו צעשטערן,

מאַכט מיר מילדער נאָר און שענער,
אַ ווינטל לויפט דורכן פּאַלאַץ, דורך אַלע זאַלן
און ווערט אין דער קיניגינס האַנט פאַרפאַלן.

.1932

# ביים ברעג פון ים

ביים ברעג פון ים,
וואָס טו איך דאָ אין אָוונט שפּעט?
אַ כוואַליע זאָגט אַרויס אַ מיין
און פּאַטשט אָפּ בראַוואָ זיך אַליין,
אַן אייביקייט.

נאָר אין מיין שפּאַן, אין מיין שפּאַן,
לויפט נאָך אַלץ נאָך יענער מאַן
וואָס איז פון גאָט אַנטלאָפן,
פון יפו־ברעג אַזש קיין תרשיש,
און אַז כ׳בין נישט פאַרשלונגען אין בויך פון אַ פיש —
כ׳בין אַלצאיינס אוממעכטיק.

תל־אביב, 1958.

# מנחם-אָב

סע גייט מנחם-אָב, באַלד וועט די נאַכט
אויף אַ שטיין זיך זעצן וויינען, ביי דעם וועג וואָס נעבן וואַלד,
מיט אַ קינה אין דער האַנט...

און ווינט וועט אַ שטיף טאָן מיט די האָר פון וואַלד,
און בערשטלעך וואַרפן אינם פלאָנטער פון זיין קרוין,
באַלד וועט די שפּין
אָפּלאָזן די בידנע פליג,
און זיך דערמאָנען אַז זי האָט אַמאָל אַ פולן קריג
פייער געבראַכט דעם בית-המקדש אָנצוגלי'ן
אין חורבן-טאָג.

באַלד וועט דער טאָג
אויפבלאָזן די קוילן וואָס האָבן וואו געטלי'ט,
און ס'וועט אַ פייער זיין ווי בעתן חורבן נאָך צעגליט
און זאָגן: אַז ס'איז חרוב אַלץ דאַרף מען מיר אויך ניט,
און פאַרגיין אין רויטן פלאַם, פאַרגיין אין רויטן פלאַם...

.1928

# ניאַגראַ-פאָלס אין ווינטער

די מעשה מיטן ניאַגראַ-פאָל
האָט אויך שוין אַ ווייסע באָרד —
דער אַלטער וויל נעמען מיט גערויש. —
פאַרוואָס ביזטו אַזוי אומעטיק-לאַנגווייליק,
אַ, אייביקייט ?

דאָ גראָד פאַרקוק איך זיך
אויף זאַכן פון טאָג,
פון קליינעם טאָגעלע בלויז,
פון אַ פריידעלע, פון אַ קלאָגעלע בלויז :
אַ פאַרטראַכטער שויב
אין אַ פאַרוואָרפן הויז,
וואָס שפיגלט
דעם פאַרנאַכטיקן רויט,
אויף אַ טויב.
וואָס שוועבט אויף די פליגלען
פון טויט,
און שיפט אוים אין דער לופט
דאָס ביסעלע לעבן וואָס איז איר באַשערט
אויף דער ערד.

# שפעט־האַרבסט

וועט דויערן נאָך אַ וואָך, צי צוויי,
וועט דער האַרבסט זיך פאַרבאַהאַלטן אונטער שניי,
און ביימער פאַרגעסן וועלן זייער וויי,
זייער היימישן וויי, דעם באַגרענעצטן.

און איך וועל זיך בויען אַ שטיבל, אַ ליד
מיט ווענטעלעך — אַ פירעק פאַר מיין געמיט,
און זען ווי אינדרויסן דער שניי שיט און שיט
דורכן יאמביקן סטראָף, דורכן פענצטער.

און זיין וועט דאָרט שטיל, וואָס דאַרף איך נאָך מער?
אַ בוך און אַ ניגון און דאָס וואָס איך קלער,
ווען ס׳כאַפּט אָן דער אומעט, אַמאָל אויך אַ טרער,
און דעם בליק אירן, דעם שענסטן...

1932.

# הערנדיק שאָפּען

א. לעיעלעסן.

זאָל דאָס זיין דאָס גליק וואָס איז אונדז ווען באַשערט:
פילן אין זיך ווי לעבן־טויט זיך טוישן,
ווי גוט איז אויפן שטילסטן טאָן צו לוישן
ווי אַן עכאָ דעם אָפּקלאַנג פון דער ערד.

עס האַלט דעם אָטעם איין די נאַכט און הערט
און אַלע קוואַלן מוזן שטילער רוישן,
טויזנט ליבשאַפטן און טויזנט מאָל אַנטוישן
טויזנט מאַל געבויט און טויזנט מאָל צעשטערט.

זאָל דאָס זיין דאָס גליק: מיט צוגעלענטע וויעס זען די וועלט,
אַלע נעפּלען שיינען איצט צעהעלט,
האַרץ צו האַרץ שלאָגן איצט דערנעבן,

וועלט מיט וועלט, — ווי בלעטער אין אַ בוך פאַרוועבט
שטיין האָט אין מענטש זיין נאָענטן דערקענט
און פול איז אַלץ מיט רחמים און פאַרגעבונג.

.1932

# אין קינדער־צימער

דאָס ליאַלקעלע האַלט אײַן דאָס געװײן אירם
װײל ס׳איז נעבעך טױט,
און שטעלט אױפן פּנימל
אַ שמײכל פאַר דיר אָן.

דײַן פערדעלע מיטן אױסגעשטאָפטן בױך פון שטרױ
האָט נעבן דיר זיך אײנגערעדט אַז עס לעבט,
נעם צו די פיסעלעך, מײַן קינד, עס זאָל דיר נישט פאַרטרעטן.

די לבנה אַנטלױפט פון דער װעלט
אין דײַן צימערל אַרײַן,
זי האָט אַ פּנים פון אַ מענטש,
און שװערט זיך אַז זי איז אַ מענטש,
און מענטשן זאָגן אַז די אױגן אירע זײַנען בערג
אָדער טיפע טאָלן
פון אַ פּלאַנעט אַן אָפּגעלאָשענעם,
אָבער דו מײַן קינד, דו גלױבסט איר אױפן װאָרט,
האָט זי דיך ליב און טרײַבט אַרױס
די נאַכט װאָס האָט זיך אײַנגעריסט אין שװאַרץ
און שרעקט דיך איבער: אַ בער! אַ בער! אַ בער!

1932.

# האַרבסט

יענער האָט וואָס שווערס אויף זיין געוויסן,
האָט ער זיך אויסגעקליבן דעם שווערסטן טויט פון טויטן,
ער שטאַרבט מיט יעדן אָוונט דעם צעגרויטן
און מיט יעדן בלום וואָס ווערט דאָ אויסגעריסן.

ער ווערט צוריק לעבעדיק אין ניסן,
באַקומט אויפסניי די ביינער און די הויטן,
ער וויל אויך פון וואַקסן פילן די נויטן,
און פון לעבעדיקן דעם צער אין זיך שליסן.

סוף-זומער שניידט ער אַליין זיך איין די וואונדן,
לאַנג וויל ער זיין גסיסה זאָל גיווערן;
ס'איז זיין דערשטיקטער קרעכץ אין וועלדער קוים צו הערן,

ווען ער האָט זיין קאָפּ אַליין זיך אָנגעצונדן,
זיין שטילקייט איז עס אויף אַלע, אַלע וועגן,
ווען סע ברענט זיין מאַרך צו גיין דעם טויט אַנטקעגן.

.1932

# לאָמיר גיין מעשהלעך זוכן

מעשהלעך וואַקסן
ווי שוואָמען אין וואַלד,
לאָמיר גיין זיי קלייבן,
לאָמיר גיין און שווייגן,
וועסטו מיטן שטעקעלע פאַרשרייבן:
דער זיידעשי פראָסט איז מער נישט אַלט,
ער קאַפּעט אַראָפּ פון אַלע צווייגן,
און די חיה איז זאַט,
זי שפּייזט זיך מיט אַ בלאַט,
און וויל שוין מער קיין בלוט נישט פאַרגיסן,
און דאָס פייגעלע האָט
געזעגנט זיך מיט גאָט
און טרילט בלויז פאַרן מענטש אויס די גריסן.

ווער וואוינט אינם הייזעלע, פאַרוואַקסענעם מיט מאָך?
די מכשפה דאָרט באַוויינט אַצינד איר בראָך,
די מכשפה רירט זיך קוים,
דער טייוול ליגט ווי אַ אָפּגעהאַקטער בוים,
מלאכים נאָר שפּילן זיך מיט קינדער
אינגאַנצן אָן געלט,
זיי שענקען זיי די וועלט,
וואָס איז אַ מעשהלע אַצינדער. (1957).

***

ברודערל, נישט אַלע וואָיענדיקע ווינטן
זיינען רויב-פייגל וואָס לויפן אויפן לויער,
ס׳טרעפט אַמאָל אַ ווינט אַזאַ, פון צופיל קענען,
פון צופיל גרייכן איבער וואָלקנס און אָפּגרינטן,
פון צופיל וויסן וועלן וואָס אויבן
און וואָס אונטן,
וויל פון זיך אַליין אַנטלויפן אַזש פאַר טרויער.
ברודערל, נישט אַלע וואָיענדיקע ווינטן
זיינען רויב-פייגל וואָס לויפן אויפן לויער. (1928).

***

צום טאַקט, מיין זעל, פון זעמעס ווייטע טריט
גייסטו נאָך געשפּאַנט אַ לעבן־לאַנג ווי גלייך?
צום שטילן רויש, פון וועלכן ווייטן טייך
ביזטו אָנגעשפּיצט, אָ, אויער פון מיין געמיט?

און ס'איז נאָך אַלץ דאָס ווייטע, פרעמדע ליד,
וואָס מאַכט דיך אַנענדיק טיף אַזוי און רייך,
און ביסט גאָר דער קיניג פון יענעם קיניגרייך
וואָס דיין חלום האָט פאַר דער וואָר פאַרהיט.

דעריבער גייסטו אום אייביק פרעמד און ווייט,
דרימלסט ווייך פאַרוויגט, ווען אַרום דיר אַלץ שרייט,
און סע ברומט אין דיר, ווען אַלץ אַרום איז פאַרוויגן.

און ביסט דאָ קנעכט אין יאָך פון טאָג געשפּאַנט,
דערנידעריקט, ווען אין דיר, אין דיין לאַנד,
ביסטו זוניק אויפן טראָן געשטיגן.

.1932

⁂

מיין גאָט!
איך וויל אויסגיין אין דיר
ווי עס גייט דאָס גרעזל אוים אין האַרבסט
אין דיר,
ווי עס ציט זיך דער ניגון אוים פאַרחלשט
ביי זיין סוף, צו דיר,
און ווערט שטילער, שטילער,
דיך דערזעענדיק,
ווי עס גייט דער טאָג אוים אויף די ראַנדן,
צו דיר,
און ווי דער ווינט
וואָס זוכט דאָך קיינעם אויף זיין וועג,
נאָר דיך, —
אין דיר פאַרפאַלן צו ווערן,
ווי דער ים, וואָס די גאַנצע וועלט איז אים ענג
פון ליבשאַפט צו דיר
און לויפט שוין יאָרן אַזוי, בלאָנדזשענדיק
דיך אָפצוזוכן.

.1928

***

באָבע מיינע,
ווי אין דיין קרבן-מנחה סידור איז דער טאָג צונויפגעפּאָרט מיט
די פעלדער —
אויבן אַ תפילה,
און אונטן — דער טייטש פון איר,
קען זיין פשוטער, קען זיין פאַרשטענדלעכער
ווי דער זומער-טאָג אַצינד
אויף די תבואה-בייטן ?
און דאָך, מיין טרויעריק געמיט
האָט שטענדיק געהאַלטן, אַז גאָט איז צו טיף,
אַז דער טייטש זאָל זיין טיפקייט דערגרייכן,
עס שטאַמלען די פעלדער פון טאָג אוים דעם טייטש,
און זיין זין איז מיר ווייטער נישט קלאָר.

.1932

# נ ע כ ט

זיינען נעכט אַזעלכע דאָ, לויטערע און שטילע,
מיט רחמים צו די טעג וואָס צאַנקען זיי ביי דער זייט אויס,
שווער גייט אויס דער טאָג, אַט וואַרפט ער זיך און שרייט אויס,
ליפּן פון דער נאַכט מורמלען שטיל אַ תפילה.

בלייכע, דאַרע הענט שטרעקט דער טאָג אויפן הימל
און נעמט דעם האַלז אַרום פון דער גוטער נאַכט,
ווי ס'נעמט אַ קינד אַרום אין זיין קרענק פאַרשוואַכט
דעם מוטערס האַלז, און שטאַרבט אַזוי אין דרימל.

זיינען נעכט אַזעלכע דאָ, שפּרייטן זיך דיוואַנען
אונטער מידע טריט וואָס בלאָנדזשען אין די נעכט,
ווערט גרינג אַזוי דער שפּרייז צו וועלטן, נישט פון דאַנען...

דער הימל קניט צו פיס, נויגן זיך די ספערן,
און גוט ווערט מיטאַמאָל, און דערבאַרעמדיק דאָס שלעכטס,
און ס'איז נאָענט אַזוי דער וועג צו אַיעדן שטערן.

1928.

# בלעטער-פאַל

וואַרט נישט, כ׳בעט דיך, נישט וואַרט,
לייג נישט אָפּ אויף שפּעטער,
שפּיל שוין, שפּיל אָפּ דעם טרויער-מאַרש
נאָך געפאַלענע בלעטער.

און מיר וועלן שטיין און ציען די היט
פון אונדזערע געמיטער,
ערגעץ וואו איז נאָך פאַרהיט
זייער ציטער.

זיי האָבן אַ ווייל זיך אויף ביימער געוויגט
און אין שלעכטן וועטער,
מיט ווינט זיך אויסגעקריגט
און מיט אַלע געטער.

אַז געטער שטאַרבן טוט זיך אַ וועלט:
— געשטאָרבן די געטער!
נישט ווייניק טרויער ווען ס׳ליגן פאַרגעלט
אין רינשטאָק די בלעטער.

1957,

# זומער

אַ יונגער שמעטערלינג, נעכטן ערשט געבוירן,
טראָגט אויף פליגלען גרינע זומערס גרויסע פרייד,
דאָ דערפון אַ זאַם, דאָרט אַ זאַם פאַרזייט,
פליט ער זאַמלען פריש וואָס ער האָט פאַרלוירן...

פליט ער אויף און אָפּ, און וויים נישט וואָס צו קלייבן:
אונטן גרינט דער מאַי, זינגט אַ ים פון טענער,
אויבן העלקייט קוועלט, ווייס ער נישט וואָס שענער,
צי פרייד, די גרינע, אונטן, צי דאָס העלקייט אויבן...

איז אויף און אָפּ, אַראָפּ-אַרויף, אומעטום אַ נאָג
פון דעם העלן ים און פון דעם גרינעם טאָל,
אויף וועגן פרייד פאַרזייט און געקליבן אויפדאָסניי.

אָ, יונגער שמעטערלינג, דיין לעבן איז אַ טאָג,
און ס'איז דיין מיילעכל קליין און ס'איז דיין מאָגן שמאָל
פאַר אויסנאָגן ביזן דנאָ די גאַנצע פרייד פון מאַי.

1932.

***

גאָט, ווי אַלץ ווערט מיר פרעמד,
דער האַרבסט שטאַרבט טויזנט מאָל אַ טאָג,
אַפילו אַ פרייד פון אַבעל־שם
וואָלט אויך דאָ געוואָרן קלאָג.

דער טרויער דאַרף אַ גאַס אַזאַ ווי מיין
אַ שטילע, מיט אַ אויסקוק צום פעלד,
ס׳רעגנען בלעטער אויפן ביסל שיין
און עק פעלד איז עק וועלט.

וואָס נעמסטו אַרויס פון רוישיקן געמיש
ווען הייזער וויביימער זיך פאַרוויגן?
נישטאָ מיט וועמען זעצן זיך צום טיש
ס׳איז אַלץ כמעט ניגון.

עפּעס נישט קיין רייד, עפּעס איינגערוימט
אַ שטילער געלער צינד און עמעץ לעשט די פאַרב
ווי די גאַנצע וועלט וואָלט עפּעס נאָר געבוימט
מיט האַרבסט.

# צוויי מאָל צוויי איז פיר

איז מיר אומעטיק וואָס אויגוסט שטייט שוין ביי מיין טיר
און פון דעם אמת אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר.

פון אָט אָ דעם אמת און נאָך אמתן אַ סך
קען איך זיך קיין עצה נישט געבן מיט דער נאַכט.

דער טאָג — אַ שיינער ליגן, מיך אַרט נישט זיין פאַרראַט,
די נאַכט איז גרויזאַם נאַקעט ווי ס'האָט די מאַמע איר געהאַט.

זי שמינקט זיך נישט זי צירט זיך נישט זי טראָגט אויף זיך קיין פאַרב,
כ'האָב מורא פאַרן אמת וואָס זי דערציילט מיר האַרב.

פון אָט אַזאַ אמת ווערט דאָס פנים רויט,
כ'שעם זיך נישט, כ'בין מודה: כ'האָב מורא פאַרן טויט.

נישט אַזוי די מורא ווי דאָס גרויס פאַרדרוס:
פאַר מיר איז אַלץ נאָך וויכטיק — פאַר אים איז אַלץ אַ שטות.

.1957

## טאָג-נאַכט-שפּיל

ס'וועט זיך נאָך לאַנג אַזוי ציען
דאָס מעשהלע געשעענע:
אינם אַלטן שלאָס,
וואָס הייסט וועלט,
וועט ווער אָנגיסן אַ כּוס
מיט פאַרנאַכטן-דעמער,
רויטן וויין.

און אַריינפאַלן וועט די נאַכט —
אַ שוואַרצע פליג אין כּוס,
גיסט מען אויס דעם כּוס,
גיסט מען אַ פרישן אָן
מיט מאָרגן-רויט.

.1932

## דעם פרעמדן מענטש

מיר קענען זיך נישט, נאָר ווי פאַרשטענדלעך פראָסט
דו צינדסט אין פייער מיינעם אָן דיין פּאַפּיראָס!

נאָר עפּעס וועקט זיך, עפּעס אַנט מיין ווייטער, זעקסטער חוש:
ס׳האָבן זיך פּאַפּיראָסן צוויי אין אַ פראָסטן טאָג געקושט...

און ווי קלאָר דער שכל זאָגט: מיר דאַרפן זיין זיך פרעמד,
האָט טיף אין אונדז זיך עפּעס וואָס פאַרשעמט...

און ברעכט אויף אַלע צוימען פון פאַרשטאַנד
און נאָענט מיר ווערן — ווי פון לאַנג באַקאַנט...

.1944

# ביי נאַכט אויפֿן געטאָ־פּלאַץ

ביי טאָג שיינט די זון דאָ און סע שפּילן זיך קינדער,
אויף רוקנס פון ציגל זיי בויען זיך הייזער,
נאָר די נאַכט — זי שלייכט זיך נאָך אַלץ אום אַ בלינדע
אויף פאַרבאָרגענע זייגערס וואו ס'פעלן די ווייזערס.

ביי נאַכט בלאָזט אַ ווינט דאָ און ברענגט אויף פון די ווינקלען
אַ שטילן געקרעכץ, אַ פאַרכטיקן לשון,
ווי מ'וואָלט אַלע ליכט אין די לייכטערס צעפינקלט
פרייטיק־צונאַכטס דער מאַמען פאַרלאָשן.

ביינאַכט, לייג צו צו אַ וואַנט דאָ דעם אויער,
הערסטו מיליאָנען געוויין פון די וויגלען.
דער מויער איז ניי, טאָ פון וואַנען איז דער טרויער,
ווי ס'וואָלטן אויף ווענט פאַרדעקט זיין די שפּיגלען.

וואַרשע, 1956.

# ישראל שטערן אין געטאָ

„ווייל אויסגעפיינערט ווערט אַ שטאָט ביים אָנקום פון דער נאַכט",
נאָר מיאוסער ווערט זי דאָ, ווי מיט בלינדע אויגן
שטאַרן פענצטער שטום און דער פּחד וואַכט,
ווי איבער קראַנקע אַ שוועסטער אָנגעבויגן.

דאָ איז איין שפּיטאָל, דער טויט צו יעדער בעט
שלייכט מיט שטילע טריט אַרוים פון אַלע טירן,
און דער מולד — שאַרף ווי אַ לאַנצעט,
שניידט אויף מויערן — אייטערע געשווירן.

מע ברענגט יעדן טאָג צוטראָגן דיר די וועלט,
ווי מע ברענגט געחלשט איינעם פון דער אַרבעט,
האָט דאָס לעבן אין טויט זיך ערשט פאַרשטעלט?
אוים סוד, אוים חן, געשטאָרבן אַלע פאַרבן.

ס'האָט ווער אויסגעפליקט פון הימל דעם געדאַנק,
ווי אַ רשע פליקט אַ בלאַט פון אַ הייליק ספר,
סע שטאַרבן טעג, ווי דיינע טריט, אָן קלאַנג,
דער טויט פאַלט פון בוים ווי אַ פרוכט, אַ רייפע.

זע, ווי די וועלט איז פאַרפלייצט מיט שלעכטס,
ווי גאָט צוקאָפּנס ברענען אַלע ליכטער,
אויפן האַקנקרייץ האָט מען אין די נעכט
אויפגעהאַנגען רילקען, דיין באַליבטסטן דיכטער.

1957.

*
**

דאָ מאַכט ווער טויט:
קלינגען כאָטש זיי קלינגען נישט די גלאָקן,
און פייגל פליען האַסטיקער, צעשראָקן,
און בלעטער וואַרפן אַליין זיך פון די שטאָקן,
און דער מעריב איז רויט.

דאָ מאַכט ווער נאַכט:
זע: עס שלאָפן שוין דעם לעצטן שלאָף די בלומען,
אַ ווינטל רעדט פון שלאָף און ווערט אַנטשטומען,
איך וואַרט אויף איר, נאָר זי וועט נישט קומען,
כאָטש אַלע טירן זיינען אויפגעמאַכט.

.1956

# ווען מיין מאַמע זאָל לעבן

ווען מיין מאַמע זאָל לעבן, וואָלט זי שוין זיכער געווען
אַן אַלטינקע, אַ יידענע מיט שניי־ווייסע האָר,
זי וואָלט שוין אַוודאי גאָרנישט געקענט,
אפילו מיט אַ בריל אונטערשיידן חלום פון וואָר.

אַזאַ אַלטינקע מאַמע, וואָס טוט שוין גאָרנישט ניט,
אונטער פּיס אַ בענקעלע, אַ פּרינצעסין אויפן טראָן,
נאָר וואָס דו זאָלסט נישט טאָן, וואָלט זיין זי אינדערמיט,
און דאָס גאַנצע לעבן הייבט זיך פון איר אָן.

כ׳וואָלט זאָגן איר: מאַמעשי, דער טיש אויף דיר וואַרט,
אַ שמחה וואָלט זי באַשיינט, ווי אַ פּאָרטרעט אויף דער וואַנט,
און אַז זי וואָלט געדרימלט, וואָלט איך אַזוי צאַרט
מיט איר צוזאַמען אַוועק אין זוניקן לאַנד.

1957

# אויפֿן געטאָ-פּלאַץ אין וואַרשע

און כ׳מוז אַוודאי זיין דאָך מגושמדיק גראָב,
אַז ס׳פּאַלט נישט דער הימל מיט אַ זבענק מיר אין קאָפּ,
און כ׳זע אַזוי אײדל זיין בלאָ אין דער הויך,
און די ליניע, די שלאַנקע, פֿון קוימען דעם רויך,
און כ׳באַוואונדער דאָס שיפֿן אין לופֿט פֿון דער טויב,
און דעם יום-טוב, דעם שטילן, פֿון פֿאָרהאַנג אין שויב.

און כ׳מוז אוודאי זיין דאָך מגושמדיק גראָב,
אַז דער רעגן, ער פֿאַלט נישט ווי שטײנער אַראָפּ,
אַז כ׳קען דאָ שפּאַצירן, אַז כ׳קען נאָך דאָ גיין,
און כ׳גליטש זיך נישט אוים אויף יעדערן שטיין,
וואָס איז פֿול מיט געוויין, מיט בלוט און מיטביין.

1957

## אין היים-שטעטל

אויסגעוועז אַ וועלט אַ גאַנצע
און צו דיר ערשט צוריקגעקומען;
בענקען יידן צוויי אין שטעטל
נאָך אַ דריטן צום מזומן.

בין איך דאָ ערשט. ליבע יידן,
אויפן חורבן פונם בנין,
ס'פעלן אַלץ נאָך גאַנצע זיבן
פון צען טויזנט צו אַ מנין.

און ס'איז האַרבסט שוין, געלן בלעטער,
מיין געזיכט פון צער איז געלער,
זאָגן קינות? וויינען איכה?
מאַכן תשעה-באָב אין אלול?

אוודאי רופט ערשט נישט צו סליחות
דאָס געקלאַנג פון קלויסטער-גלאָקן,
האָבן פון מיין אימה-שווייגן
אַלע פייגל זיך דערשראָקן.

שטייען אויפן מאַרק דריי יידן,
און פון ווייטיק אַלע שטומע,
פון אַן עדה אַזאַ גרויסע
אַ געבליבענער מזומן.

1957

# צוריקוועגס

## I.

וויקל איין דיין געזיכט אין מיין געמיט,
ווי דער צעצווייגטער בוים
זיין צעשראָקן פּנים
אין דער נאַכט.

כ׳בין אַ ציטערדיקע וויג
פאַר דער וועלט וואָס לייגט איר קראַנקן קאָפּ ערשט
דרימלענדיק אין מיר.

פאַרוויקל דיין געזיכט אין מיר,
וועט עס שענער זיין און טרויעריקער,
דער טויט וואָס פילט מיך אָן,
איז גוט און דערבאַרעמדיק און מילד,
ווי אַ טרויעריק געזאַנג
אין מויל פון אַ קינד,
און ווי דער ווינט
וואָס דרימלט איינגעשטילט
אויף אַ בוים
אין חלום די צווייגן קושנדיק.

## II.

עס שפּיגלט זיך מיין טרויער אין דיין אויג —
אַ בוים ביים וואַסער אינמיטן פעלד.

פון טאָג איז אַ סימן נאָר געבליבן
אויף וואָלקנדלעך אינדערהויך.

יעדן גרעזל איז ליב די וויג פון ווינט,
פאַרמאַכן די אויגן און נישט זען די נאַכט.

שטילער פון שטיל לעב איך מיין לעבן איבער אויפדאָסניי,
טרויעריק און שיין.

איז אַ הימל טאַקע דאָ דאָרט אין דער טיף?
מיין לעבן נויגט זיך — אַ פאַרקערטער בוים צו אים.

עס שפּיגלט זיך מיין טרויער אין דיין אויג —
אַ בוים ביים וואַסער אינמיטן פעלד.

## III

פאַרוואָס ווערט שטיל דער טאָג ווען דו גייסט פאַרביי?
און אַלץ איז אָפּגעטאָן,
אָפּגעזונגען, אָפּגעקלונגען,
און יעדער קלאַנג ווערט ווידערקלאַנג.

אַ פרעמדער איז דאָ געווען און געשטאָרבן לאַנג,
איך בין עס דער פרעמדער,
און הער מיין אייגן לעבן אַצינד
ווי אַ ווייט און פרעמד געזאַנג
אויפן ווינט.

## IV

איך נעם ליב האָבן
דאָס הויז אין וועלכן דו האָסט געוואוינט,
(כ'האָב זיך אויסגעלערנט יעדעם שפּעלטעלע דערין)
און דאָס געסל וואָס פירט צו דעם
(פאַרוואָס קען איך עס אַזוי גוט?)

און דעם שלאָג פון מיין האַרץ,
וואָס נאָר דיינע טריט
האָבן אַזוי צאַרט געקענט שלאָגן,
און אַלע פייגל וואָס פליען אין דער וועלט
(אפשר וועלן זיי דיך אין זייער פלי דערגרייכן?)

און אַלע בזשאָזעם אויף די וועגן
וואָס האָבן דיך געקענט,
(איך שעם זיך צו וויינען
און זיי שעמען זיך נישט).

## V.

דאָס אַלץ וואָס שטייט צווישן אונדז
טונקלט מיטן טאָג צוזאַמען.
פייגל טראָגן אונדזער בענקשאַפט
צום ערגעץ־לאַנד אַוועק.

דעם אָוונט — אונדזער ניגון
זינגען אַלע הייזער איצט אוים.
אפילו שאָטנס זיינען דערבאַרעמדיק אַצינד,
ווי מענטשן פאַרן טויט.

זאָג,
פאַרוואָס ווערט אַלץ ווייטער דער וועג
צווישן אונדז,
איינער צום צווייטן שפרייזנדיק.

## VI.

געפֿין מיר דעם וועג צו מײַן ווייטיק —
איך האָב אים פֿאַרלוירן.
טויזנט דעמערן טרויערן
פֿון אַלץ, פֿון אַלץ אַרוים.

ווייך און אומעטיק, אַן קלאַנג
שווימען וואָלקנס לייכט
מיט דײַנע טריט —
אייביק ווייט פֿון מיר,
און מײַן לעבן וועט שוין אַזוי הענגען,
פֿון קיינעם נישט אויפֿגעקילט —
אַ טרויער־פֿאָן.

VII.

פאַרהיט
מיין דינעם שנירל-טריט
אין דער וועלט.
מיין שאָטן —
דעם טונקעלן ניגון פון מיין געמיט,
מיין איינזאַמער שפּאַציר —
מיין ליד,
מיין לעצט געשטאַלט
צו דער וואַנט צוגענויגט.

## VIII.

און ווייב אַרום מיר,
און קינד אַרום מיר,
נאָר איך בין אַליין.

נאָר איך בין אַליין,
אין איינזאַמען גיין,
און ציטערדיק איינגעהאָרכט אין דיר
און פול מיט דיר.

דאָס איז מיין אומעט —
דער שאָטן פון דיין פרייד —
צווייגן הענגענדיקע איבער זוניקע פלאַכן,
טרויער־טריפנדיק.

דאָס בין איך — עמעצנס געשטאַלט,
יענער איז שוין טויט.

## IX.

אין דיינע אויגן האָט דער שניטער שוין די תבואה געפירט פון פעלד,
און אַלע צווייגן שאָקלען מיט די קעפּ: יאָ, עס איז געשען,
און ווינטן פאָרן זיך מיטן גאָלד פון פאַרנאַכט,
און געבוירן אַ ניגון, אַן עלנטן.

אין דיינע אויגן — דער ווייטיק פון מיין האַרבסט, די שיינקייט
פון מיין האַרבסט,
בלעטער רוישן, רוישן, רוישן און ווערן טויטלעך־מיד אַנטשווינגן,
כוואַליעס גאַרן צו אומבאַקאַנטע וועלטן
און בלייבן ביים נאָענטסטן ברעג אַנטווישטע ליגן.

דער אומעט אין דיין וואַנדער־בליק —
אַ ליידיק שיפל אויפן טייך, אַ הוידנדיקס,
אָנגעבונדן ביים ברעג.

## X.

נאָר נישט געוויינטע אויגן קענען אַזוי שיין זיין,
און ס'איז דיין פּנים פריש נאָך פון נישט קלערן,
דיין העלע פרייד נישט געלאָשן האָבן טרערן,
קענסט זיכער נישט דעם אומעט פון אליין זיין.

און וואָס דען מערער ווי דען קליין זיין,
דער טיפער גרונט פון דיין גאַנץ באַגערן?
פאַרלאַנגען אַלע צונויפגעגאָסן ווערן
אין איין באַגער: געליבט און פאַרשטיין זיין.

דאָך איז אין דיין שיינקייט עפעס וואָס פאַראַנען,
אַ וויימער הויך פון וועלטן, נישט פון דאַנען,
דיין בליק דערפירט מיך צו זייער וויימן האָפן,

כ'פיל דעם הויך אויף פליגל פון פרימאָרגן,
אַמאָל אויך אין האַרץ פון דער נאַכט דערוואָרגן,
און אין דער וואונדערלעכער באַגייסטערונג פון שאַפן.

## XI.

דאָס איינציק דינע קנייטשעלע וואָס לויפט פאַרביי דיין שטערן,
און קאַרבט איין אין זיך אַן אומעט קוים צו הערן,
און מאַכט נאָך שענער פיל די צעשטראַלטע פרייד פון פּנים,
ווי אַ ווינטל קיל וואָס לויפט פאַרביי אין יוני,
אַ תבואה-פעלד וואָס כוואַליעט זיך אין פאַרבן,
און ווינט אַזוי ווי עס וואָלטן אַלע גאַרבן
שוין געשטאַנען, לאַנג אין שייער גרייט צו פירן
און פאַרשלאָסן זיין הינטער שווערע טירן...

דאָס איינציק דינע קנייטשעלע — עס פלאַנטערט אין די רייד זיך
אַ מורמל-פעדימל פון בענקשאַפט וואָס פאַרגייט זיך,
צו וועלטן נישט פון דאַנען, צו ווייט-געאַנטע וועלטן
וואו לעבן-טויט זיך שפילן אין באַהעלטעניש.

XII.

## טאַנגאָ

דו האַלטסט איר אין די אָרעמס, נאָר זי איז אוועק,
דרייען זיך, ווי בלעטער, נעכט און טעג,
האַרבסטיק אַזוי, אָוונטיק אַזוי.

איז מאַלע וואָס סע טרעפט? איז וואָס זשע דען דער מער?
לאָזט דאָס פידעלע אַזוי נאַריש טרער נאָך טרער,
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד.

די מאַמע זאָגט: איך גיי, איך קום, אָט בין איך דאָ,
נאָר ס'ווײנט אָפּ דאָס קינד דערפאַר אַ גאַנצע שעה,
ווייל ס'איז די מאַמע נישט געווען.

ס'וועט זיין גוט, פילסט עס נישט בחוש?
צי טויט, צי לעבן וועט געבן דיר אַ קוש —
וועט אַלצאיינס זיין גוט.

## XIII.

איך בין אַזוי ווי איך בין אין דיין זכרון,
דיין געוואָרן צו בלויער בענקשאַפט בלויז,
דורכן וועג צו דיין ווייטן לאַנד וואָס גרויס
און דורך אַלע אָפּגעלעבטע יאָרן.

ס'איז דען הארבסט? ס'איז געשניטן בלויז דער קאָרן,
נאָר נידעריק פאַלט אין אָוונט היינט די רויז
צו איר בייט, ווי אַ קינד צו מוטערס שויס,
און סע וויינט די שרעק פונם פאַסטעכס האָרן.

כ'בין אַזוי ווי אין דיין זכרון אַלץ דינער,
און סע ווילט זיך אַזוי גלייכן צו די פאַרבן,
צום נישט דערהערטן הויך פון זייער שטאַרבן,

אויף וואַלקנס אָוונט איבער לאַנקעס גרינע,
און צו אַלע סודות אָן באַשיידן,
און צום טויט וואָס שטייט צווישן אונדזביידן.

## IV.

יענע, די ווייטע, וואָס איז ענלעך צו דיר,
האָט אָפטער געטראָטן די שוועל פון מיין טיר,
זי האָט אָפטער געלאַכט און אָפטער געוויינט,
און אָפט נישט דערזאָגט וואָס זי האָט געמיינט,
ס׳האָט זיך זומער געפלאַטערט איר ווייסינקע קלייד,
געשליכן אין האַרבסט אַזוי שטילינקערהייט,
ווינטער געשטיפט און געוואָרפן מיר שניי,
אינמיטן געלעכטער — דערפילט אַזאַ וויי,
אָט אַזוי פונקט ווי איך אינמיטן פון פרייד,
צום טרויער דער וועלטס געזוכט אַ באַשייד.

וואו איז זי אַוועק? — איך וויים נישט אַצינד,
ערגעץ וואו טראָגט איר דער האַרבסטיקער ווינט,
פירט איר וואו ערגעץ אויף שטחים אַ באַן?
ליגט זי און וויינט זי, דעם פּנים צום וואַנט?
זיצט זי און קוקט זי דורכן פענצטער אַרוים?
צאַפּלט זי ערגעץ אין עמיצנס שוים?
אַלצאיינס איז געמישט מיט ווייטיק איר גליק,
איך זע איר געווי אַזוי איצט אין דיין בליק!

## XV.

דאָ וועט זי קומען, די ליבע, די שטילע,
אָן הויכע רייד און אָן געזאַנגען,
ווי אַ געסל וואָס ציט זיך זייטיק —
פון מיר און פון קיינעם גאָרנישט פאַרלאַנגען.

און זי וועט זיין אַזעלכענע, אַזוינע
מיט דערשראָקענע אויגן, מיט אַ פּנים אַ בלאַסן,
און אַז זי וועט רעדן — וועט דעמאָלט דיר דוכטן
אַז צום אַרומיקן האַרבסט קען זי נאָר בלויז פּאַסן.

אַז ערגעץ דאָ וועט זיך פאַרמאַכן אַ טויער
וועסטו זיין קלאַנג אין איר טריט דערהערן,
און פון געפאַלענע בלעטער דער טרויער
וועט איר געזיכט צו ווייטן פאַרקלערן.

און גאָרנישט וועט זיין, אין די אַלייען,
דו וועסט אין פאַרנאַכטן מיט איר שפּאַצירן,
און זי וועט געפונען די בענקשאַפט, די ווייען
וואָס די ניגונים נאָר קענען פאַרלירן.

## XVI.

כ'האָב געלאָזן שטיין דעם ניגון
און זיך איינגעהערט אין דיין געזיכט
וואָס איז אַזוי ענלעך... אַזוי ענלעך...
און ס'איז דער ניגון מיר אויך געוואָרן
פאַרשטענדלעך.

דיין געזיכט אין פענצטער־ראָם —
אָן אָוונט־ליד, אַ שטיל געבעט,
ס'ווערט שטילער ערשט די גאַנצע שטאָט
מיט דיין פּאָרטרעט.

## XVIII.

אַלצאיינם וועלן מיר גיין ביזן ווינקל פון גאַס
און ביימער וועלן אַ רויש טאָן מיט אונדז
און ווערן שטיל.

און דערנאָך וועלן מיר מיידן אַן אַלטינקע פּאָר,
אַ גרינעם, אַ רויטן וועג-סעמאַפאָר,
אַ מאַמע וואָס פירט דאָס קינד ביי דער האַנט,
אַ שיכור וואָס טרעט אויף זיין ביסל פאַרשטאַנד.
און מיר וועלן נישט קוקן אויפן שייבעלע רויט
און אַ לויף טאָן מיט דיר איבער יענער זייט טויט,
און אין דער אָרעמקייט זיין אַזוי רייך,
און שרייען צום שיפער פון יענער זייט טייך:
העי, שיפער, דאָס שיפל שיף צו צום ברעג —
אונדזערע טעג — אַזוי ווייט פון אונדזערע טעג!

# איך זוך דיך נאָך אַלץ

איך זוך דיך נאָך אַלץ
פאַרשוואונדענע, פאַרלוירענע, פאַרגעסענע,
איך וואָלט דיך טרעפן ווען ווי אין ביכער מע טרעפט דיך
אין לבנה־שיין ביים ברונעם;
נאָר אין מיין שטאָט פון נעאָן־ליכט און פון מיידן
פאַרזועסענע
איז די לבנה אַנטלאָפן ערגעץ אויף גיך —
אין טונקעלן וואַלד פון ניגונים,
זוך איך דיך דאָרט, זוך איך דיך.

ס'איז הויך דאָ און נידער
און פאַרגעסענער שטעג,
און די לבנה דאָרט העלט
איבער וואַסערן אויף בריקלעך,
און פידעלעך פאַנגען פון סוד פון דער וועלט
שטיקלעך, שטיקלעך
באַגעגן איך דיך ווידער.

ס'איז נישט דיין אויג, ס'איז נישט דיין בליק,
סע שלאָפט די נאַכט באַדעקט מיט שניי,
און חלומט פון אַ בער, אַ נאַרישן בער,
אַזאַ גראָבן, שווערן, זאַטן בער;
און אין דיין אויג איז נישטאָ שוין מער
פון מיין נעכטיקן גלי,
פון מיין נעכטיקן ווײ.

מיין נעכטיקע טרער
איז אַ טראָפּן שניי
וואָס טריפט, וואָס טריפט
סתם אַזוי
פון בוים אַראָפּ.

# נעם מיך צונויף

נעם מיך צונויף
פון אַלע עקן פון דער וועלט,
פון זומער־לאַנד און פון לאַנד פון פראָסט,
געפין מיך אומעטום
אין טויזנט פנימער פאַרשטעלט;
אַ זינגענדיק צעשפּרונגענעם
אינדערמיט פון אַלצעסדינג,
אַ פאַרליבטן
אַ באַטריבטן,
אַ באַרוישטן,
און אַנטוישטן,
אַליין אַליינענדיק,
וויינענדיק:
„גאָט, מיין גאָט, וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט?"

כ'האָב ווידער דעם זומער צעשניטן אויף צוויי:
דעם גרעסטן חלק זיך, אַ פענעץ בלויז דער וועלט,
אַזוי פיל כוואַליעס גרין אָפּגעשוימט,
אַזוי פילביימער אָפּגערוישט, אָפּגעוויגט,
פאַרוויגט ביז שטיל,
אַזוי פיל פאַרבליפּטע, צעשטיפטע, געשיפטע
טרעלן,
אין זיך איינגעזאַפּט,
ערשט שווייגן אַלע פייגל אויף מיין באַפעל,
און אָוונטן וואָס זיינען נאָך קליין
ווערן לענגער ביי מיין שוועל,

אזאַ אָנעניש, דערמאָנעניש,
אַז ערגעץ וואו פאַראַנען איז
מיין געשטאַלט,
ערגעץ וואו שפּילט זיך
מיט מיר,
ערגעץ וואו ווילט זיך
מיט מיר,
אזאַ ברענענדיק גאַרעניש,
אַזוי פיל פאַרן ציטערן אוים ערשטע פרייד,
אַזוי פיל פאַרן האָבן זיך צעשיידט
מיט מיר.
נעם מיך צונויף פון אַלע עקן פון דער וועלט.

# אַ מילב וואָס שטאַרבט

אַ מילב וואָס שטאַרבט אין אַ נאַרע פון אַן אַלטן בוך
איז איר אויך אַ שאָד די וועלט...
טרעפט: אַ מענטש מישט בלעטער אויף אַמאָל,
גיט די זון אַ שיין אין אַ מילבן־שפּאַלט,
גייט די מילב דער זון אַנטקעגן,
זאָגט די מילב: ווייזט אויס ס׳איז פרילינג היינט,
נאָר מיינע לונגען האָט שוין אויפגעפרעסן
די ווילגאָטנע וואַנט, דער קאַלטער אכזר,
סע קומט דער זומער אויף דער וועלט
און איך גיי שטאַרבן.

הייבט די מילב די אויגן מיט געבעט:
— אָ, גאָט, מיין שפּאַן איז אַזוי קורץ,
און גייט נישט ווייטער פונם בלאַט אין בוך,
כ׳בין דאָס גאַנצע לעבן שטיל געווען און נישט געגלוסט קיין פרעמדס,
און נישט מקנא געווען קיינמאָל די פליג,
דעם אומרו וואָס זיצט נישט אויף קיין אָרט,
און נישט דעם מענטש, וואָס איך באַגרייף שוין נישט.
לאָז מיך אונטערלעבן כאָטש נאָר אַ טאָג, צו צוויי,
כ׳האָב אַזוי מורא פאַרן סוד פון טויט
צו בלייבן שווייגנדיק ווי מיין טאַטע ליגן,
כ׳וועק אים אַלע אינדערפרי: טאַטע, ס׳איז שוין טאָג,
און ער ׳איז שטום און גיט זיך נישט קיין ריר.

1932.

# „אַלט־לובלין" און אַנדערע לידער

1

# אַלט־לובלין

יעקב גלאַטשטיין — דעם לובלינער.

וואָס איז פאַרט אַזוינס וואָס שמידט צו זיך מיין בליק,
קויט און קויט און גראַטעס און צעבראָכענער שטיין,
מיין אָרעם פאָלק, דיין עבר — פול געוויין
פלאַצט פון יעדן שטיין אַרויס, ווי פון אַ האַלז דערשטיקט.

געסלעך, שמוץ, געשטאַנק און קלעפּיקייט, גענוג,
גענוג געזען דעם פּיין. איך וויל
דאָ פון די געסלעך אַרויס, נאָר שטיל
רופט אַ קול ווי אַ טויבן־שטים: צוריק!

אָ, אַלט־לובלין, אַנטלויף איך דען פון דיר? דו יאָגסט מיר נאָך,
און אין מיין צימער הער איך נאָך דיין בראָך,
דורות ווייטיק, שאַנד און פּיין.

צי קען איך דען אַנטלויפן, אַז אין מיין בלוט
ברומט דער ניגון, דער זעלביקער, דאָס ליד
וואָס פילט דיינע געסלעך אָן מיט אַזאַ פאַרכטיקן געוויין.

.1938

**2**

ווי אַן איבערגעקערטער אינגעווייד, ראַפּיק שוין אין בראַנד,
ליגסטו, געטאָ יידישער, צופוסנס פון לובלין,
פאַרשטאָט קראָקעווער וויים נישט וואָס מיט דיר צו טין,
איז אַזוי פיל אָרעמקייט נאָך דאָ אין גאַנצן לאַנד?

ביסטו איינגענייט אויף פלייצע אירער — אַ לאַטע פון דער שאַנד,
אַ קין־צייכן לאָז זי טראָגן פון דיין שוואַרץ גזר־דין,
וואונדערלעך, ווי אומעטום, גייט אויך דאָ אויף דער באַגין,
נאָר איבער דיר פירן וואָלקנס אייביק אַ שוואַרצן בר־מנן.

מעגסט שוין דורכגיין היינט דעם ברייטן יידן־טויער,
נאָר דיר איז ליב נאָך אַלץ דער פאַרשפאַרטער טרויער,
אַ דערמאָנונג בלייבט ער אייביק, אַ פאַראַכטונג פאַרן פיינט.

אויף יאַטעטשנע גאַס איז אייביק ווי צו נעילה,
דעם מהרשל־שול׳ס קליינע פענצטער — ווי אויגן ביי אַ תפילה
צום הימל אויפגעהויבן, בעטנדיק פאַרוויינט.

3

סע פירן אַלץ נאָך בוידן אין דער יידן־גאַס, פון לענדער פיר געקומען
אויף די גאַסן האָבן מיך פּרנסים אַזוי טרויעריקלעך עמפּפאַנגען,
און סע גייט דער שמועס וועגן פּדיון־שבויים, מ׳האָט יידן וואו
געפאַנגען,
און סע גייט דער שמועס איבער גזרות וואָס לויערן און קומען.

ס׳איז אַזש קראַנק מיין קאָפּ, כ׳האָב אַזוי פיל צער ערשט דאָ פאַרנומען,
איז עמעץ נאָך אַ באַלבירער אין דער נאָענט געגאַנגען,
משה מונטאַלטו וועט אַ רפואה מיר דערלאַנגען,
ס׳איז פון וויטיק פאַרטריקנט מיר דער גומען.

אָ, אַלט־לובלין, ס׳וועלן זיך נאָך יאָרן אַזוי ציען דיינע געשפּענסטער,
און כאָטש ערגעץ זינגט שוין דאָ אַרום אַ ראַדיאָ פון אַ פענצטער
אַ פלאַכן טאַנגאָ, און סע זשומען איבער דיר אויך עראָפּלאַנען,

וועט אייביק אין דער שקיעה פאַרן געניטן אויער
זיך טראָגן פון אונטער יאָרן לאַסט — ס׳געוויין פון דורות, טרויער,
און יענע טונקעלע שרעק, נישט פון דאַנען.

4

א פרימאָרגן אין בית-מדרשל פון „חוזה מלובלין״,
א בעקער שטייט ביים עמוד און יאָגט שנעל-שנעל צום מנין,
בעלי-מלאכות און סוחרימלעך וואָס יאָגן זיך צו קנין...
וואו לויפסטו, האַרץ מיינס, פון דאַנען, וואוהין?

דיך יאָגט די ווירקלעכקייט און ס'איז דיר ליבער דער רואין,
פון אונטער חורבות זעסטו אָט די אַלע הייליקע געשטאַלטן,
אין די ווינקלען דאָ אין איטלעכן זיינען זיי באַהאַלטן,
און דאָס ברומען זייערס — ווי א טויב אזוי נאָגנדיק דין!

ס'האָט אָפּגעדאַוונט דאָס געזעמל קרעמערס, זיי זיינען שוין פאַרשוואונדן,
און א פלאַם אַזאַ האָט פלוצעם העל זיך אָנגעצונדן,
אַזאַ פּאַרכטיקע, אַזאַ איבערמענטשלעכע פרייד דאָ.

דער „חוזה מלובלין״ אין די הייליקע חבריא
און סע גליט דער פלאַם פון די תלמידים, די געטרייע,
אָט באַלד הערסטו דאָס קול פון ייד-הקדוש, דיין גרויסן זיידן.

5

וואו איז די זון פאַראַן, איז ערגעץ דאָ אַ שטראַל
פאַר אַלע קעלערן פייכטע, וואָס זיינען דאָ פאַרבליבן?
יונגע אַרבעטער זינגען פון פרילינג און פון ליבן,
נאָר דער „כל־נדרי״ וויינט אַרוים פון „אינטערנאַציאָנאַל״.

און סע גייט נאָך אַלץ אַרום געבויגן דער מהרש״ל,
ער האָט נאָר וואָס דעם עולם פון די געסלעך פאַרטריבן,
ווי דער פסוק זאָגט: גיי, מיין פאָלק, אין די שטיבן,
וואַרט ביז דער צאָרן מיידט, דעם פיינטס אָנפאַל.

און אַלע גלאָקן קלינגען אוים דעם זעלביקן באַטייט,
פון אַלע עקן שטראָמען פאַרכטיק־פרומע לייט,
באַלד וועט אַ יידס גוף זיך קאָרטשען אין די פלאַמען.

הער, הער, דער ווינט אין נאָענטן הויף
אָן עלילת־דם, חלילה, אָדער אַ „שילער־געלויף״,
אָדער גאָר זיי ביידע צוזאַמען.

6

וואָלאַכן טרויעריקע פון אַלט-יידישע כלי-זמרים,
נאָך נאָגט אין האַרץ ביז געוויין דער טרויעריקער ניגון:
הונדערט יאָרן שוין אַנטשוויגן, און דאָך נישט אַנטשוויגן,
פון יעדן שפּאַלט, פון יעדן וואַנט — צו הערן קלאָר אים.

אָ, פּאָעט פון יענער צייט, איך גיי אום ביי דיין אָרעם,
פון פאַרלאַנגען ווילד גענאָגט, פון ווייטיק באַזיגן,
נאָר פון די געסלעך דאָ פירן אונדז די שטיגן
צום ווייטן, אומבאַקאַנטן טורעם.

אָ, וועמען דען דעם צער פאַרטרויען, די ליבשאַפט צו פאַרהיטן?
ס'זיינען אַזוי אומעטיק דיינע שטילינקע פּיוטים,
און ס'איז פול אין זיי דער דעמער אין די שטערן.

אָ, האַרץ, פאַרליבט-אַנטוישט, אין בלעטער פון סידורים
פאַרטוישט אויף תחינות-קינות, אָ, יסורים
דיכטערשע, באַפייכט מיט תפילהדיקע טרערן.

7

# מהרש״ל-שול

עס איז אומעטום זיין גייסט פאַראַן פאַרכטיק פרום בצניעות,
און די שטראָף-רייד זיינע צום רמ״א פאַר לערנען גאַר חקירה:
„איידער אַזאַ אהבה איז שוין גלייכער דאָך מיראה״ —
די זון-ליכט זייט זיך דורך ווי דורך צוגעלענטע וויעס.

איך בין אַליין אַצינד, נאָר אַ גערויש ווי וויקלען פון רציעות,
די שכינה האָט זיך געשיידט מיט דער וועלט, זיך אויסגעוויילט
איר דירה,
דאָס שאָרכן עס אין דער הייך די ווייסע פליגלען אירע,
און זויגט דאָ פון דער שטילקייט טיף איר חיות.

איך וואָלט שווערן: כ׳בין געוועזן שוין דאָ ווען מיט הונדערט יאָר
צוריק,
ווייל ס׳איז אַזוי באַקאַנט מיר אַלץ, דער הייטיקלעכער גליק,
וואָס רוישט ווי אַלטער ווייַן אין אַן אונטערערדישן קעלטער.

כ׳האָב מיט אַלע דורות דאָ געלעבט, יאָרן זיינען שוין פאַרגאַנגען,
ס׳איז אַלץ דאָ אַלט יאָרהונדערט, שוין גאָרנישט צו דערמאָנען,
נאָר מיין זעל איז עלטער, עלטער. עלטער!

8

אונטן דאָרט וואוינט דער בית הקברות-שמש, אַ כאַטקעלע ווי קליין,
און אינעווייניק ליגט אונטער אַ פּערענע אָן ציך דער קברות-מאַן
קראַנק,
ס׳האָט דער בית הקברות-טויער קיין מת נישט אָנגעקוקט שוין לאַנג,
און אַ פּרוטה פון אַ גאַסט שוין לאַנגע טעג נישט אָנגעזען.

ליגט ער, הוסט ער, ער האָט אַ מעבר-יבוק אין ספרים-שרענקל שטיין,
ער וואָלט די קברים ווייזן פאַר אַ קליין געשאַנק,
נאָר מאַך, אַז ס׳זיינען זיינע פיס שוין בלאָ געשוואָלן, קראַנק,
און באַווייז כאָטש מיט אַ נס אויפן באַרג צו גיין.

שיקט ער מיט זיין אייניקל, אַ ייִנגעלע דרייצן יאָר שוין אַלט,
ער ווייס פון מהר״ם, ר׳ שכנא און מהרש״ל,
און אַלע קדושים-קברים — אַ פּירער אין דער נויט!

ער ווייס אויך די פּרנסים-שורה קלאָר און פלינק צו ווייזן,
און געדענקט דעם זיידנס אַלע דאַטע-גרייזן,
— ר׳ ייד, גיט אויף אַ שטיקל ברויט!

9

# אַלטער בית-החיים

אָ, דורות פּיין אין באַרג פאַרקוועטשט, אָ, שפּיציקער געשוויר,
פון בלוט און אייטער האַרט, אַלט בית-עולם אין לובלין,
ס'לייגט דער פרילינג פּלאַסטערלעך, גרעזעלעך פון גרין,
נאָר דער געשוויר ווערט האַרטער נאָך, אָט זיצט ער שוין ביי מיר.

בין איך ווילד פון וויי, פאַרבלאָנדזשע איך צו אַ טיר,
אַפּטייק. די אַפּטייקערין אין ווייסן אָנגעטין
שמינקט די ליפּן זיך און ברומט אַ וואַלס פון ווין,
„ס'וועט פּאַגאָדע זיין?” — אַ ראַנדעוואו ביי איר!

— אַוודאי אַ גאַסט, אַ טוריסט, האָב איך וואָס געזען?
דאָס הויז פון ווינצענטי פּאָל וואָס שטייט שוין דאָ זייט ווען
דאָס טויער קראָקעווער פון גאָר אַ וויטן דור?

פון יאָרהונדערט, אָ, שטאָט! נאָר ס'איז פרילינג אין לובלין,
די אַפּטייקערין ברומט אַ וואַלס פון ווין
און גלייכט אין שפּיגעלע זיך די בלאָנדע האָר.

10

## קריסטלעכע אַלט-שטאָט

יאָרהונדערטער דרימלען ביי די טראָטוארן,
זיי טרינקען ווייַן און זייַנען פול מיט סוד,
אַלכעמיע, טייוול געמישט מיט גאָט,
און די הערצער האַלטן אין איין גאָרן.

אין די אויגן — חכמה פון גענאַרן:
— דער שטערן זאָגט: טויט איז אויף דייַן טראָט,
— כ׳צאַפּ ווייַן פון וואַנט און שיכור כ׳וועל ווי לוט,
אין אַלע ווינקלען לויערן געפאַרן.

ווייַן אָ, לירע, פון סטרונעס רינט מיט דעמער,
פאַרשייטקייט רייסט זיך: נעם מיך, נעם מיך,
„איין מערכן אויס אַלטער צייט פאַרגעסן״.

דאָן-זשואַן טראָגט זייַן ליבסטער דורך אַ פענצטער,
פיסטוילן-קנאַל, יאָגן רייטערס און געשפּענסטער,
ווייַן מייַן לירע, טויט איז די פרינצעסין.

# לאָז מיך נישט איבער אַליין

פאַר מיר צעשניידט די נאַכט זיך
אויף שוואַרצע פיר שפיגלען,
און פון דער וועלט גייט אויף אַ געוויין
ווי פון קינדער פאַרלאָזטע אין וויגלען,
לאָז מיך נישט איבער אַליין...

ס׳איז אַלץ אַוועק פון מיר
ווי פון אַן אָרימאַן אַנטלויפט
אַ קרוב וואָס איז רייך:
ס׳אַנטלויפט פון מיר דער וואַלד,
ס׳אַנטלויפט דער טייך.
און דער ניגון איז שיין,
נאָר ער וויל אויך שלאָפן גיין —
לאָז מיך נישט איבער אַליין...

ס׳האָט ווער מיר געמאַכט
פאַרן וועכטער פון דער נאַכט,
און שווער איז מיר איר שטח אַרומצוקרייזן,
ווי פון טאָג צעקרישלט זיך ווי גלאָז
און פאַרשטעכט זיך אין מיינע שפּרייזן.
שטילקייט, שטילקייט, שטילקייט
שווערט אַראָפּ ווי אַ שטיין —
לאָז מיך נישט איבער אַליין...

1956.

# אין ניגון איינגעהערט

דעם מוזיקאָלאָג ישראל ראַבינאָוויטש

שטילער, שטילער, שטיל
שפּיל.
נאַר מיך אָפּ, נאַר מיך אָפּ,
זאָג מיר עפּעס צו,
וואַרף אַ גראָשן בלויז,
(ווי ס'פלעגט דער רבי וואַרפן
אויפן חומש מיר).
לאָמיך גלויבן, אַז דער מלאך
האָט מיר אים געוואָרפן.

איך בין אַזוי מיד פון חכמה אייגענער
און פרעמדער,
טו מיך אויס ביז זיך אַליין
פון אלינקע געוועדער.
(קינדער גייען אין בלויזע העמדער
און זיינען אַלצאיינס דאָס וואָס זיי
זיינען:
פאַרגלויבט אין אַלץ און שיין).

שפּיל, אַ שפּיל, געפין מיך אויס,
די מאַמע רופט מיר נאָך אַלץ
אין דרויסן אַרויס.
סע קומט אָן די נאַכט
און צייט שוין צומאַכן די לאָדן,
די מאַמע האָט שוין אַלע לאָדן פאַרמאַכט
און איך בין געבליבן אין דרויסן,
און סע רופט מיר קיינער נישט מער.

טרייסט מיר, אַ טרייסט מיר
מיט אַ ביסעלע ליגן:
ברענג מיר דעם נישט דאַ געדאַכט,
נעכטיקע טעג,
אויפן הימל אַ יאַריד.

אָט אָ נעם איך און שטאַרב
און דער אמת איז האַרב,
אַזוי שווער און האַרב,
און קיינער זאָגט גאָרנישט צו —

זע, איך האַלט ביים קבר שוין,
און ראָזשינקעס מיט מאַנדלען
האָט אַ האַנט פון מיין וויגל צוגערויבט
און קערט זיי מיר נישט אום.

לאָמיך נישט ערגער זיין ווי די גאַנצע וועלט,
וועמען דו האַלטסט אין איין געבן צו פאַרשטיין
ווי עלנט זי איז;
וויינסט פאַר איר,
זוכסט אַרום איר פאַרפאַלן קינד,

ברעקלסטו פאַר ווייטאָג שורות הייזער
אין די גאַסן
און שטעלסט זיי אוים איינזאַם
אינמיטן פעלד,
שטיבעלעך ביים וואַסער
מיט שקיעה אין די פענצטער,
מאַכסטו דעמערן פון טעג
און פולע טייכן בענקשאַפט.

אָ זאָג מיר עפּעס צו,
וויביימער פאָכען אין האַרבסט מיט
די בלעטער
ווי מיט טיכלעך ביים געזעגענען:
— מיר קומען צוריק,
כאָטש זיי קומען קיינמאָל די זעלבע
נישט צוריק.

# פאַרפּוס

אַזוי זעט אוים דאָס געזאַנג פון בלומען: ווייסער ווייַן,
אַזוי בלייבסטו, ליד מיינס, ווען כ׳וועל שוין מער נישט זיין.

און ווי יענער טרויער וואָס פאַרגייט זיך שטיל אין דופט,
און ס׳הויכט אַ מאַנטל אוים אים אין דער לופט.

און סע ווייַנט די שיידונג אויפן טראָטואַר,
וואָלקנס זייַנען שוואַרצער קרעפּ פון צער,

אַ בינטל יאָרן, ווי מטבעות אויסגעשיט,
פאַלן צו פאַרשווינדנדיקע טריט.

פון אַלע שויבן דרינגט אַצינד די קלאָג,
ווי דער אומעט וואָס פאַרשפּרייט אַ ליכט ביי טאָג,

אַזוי זעט אוים דאָס געזאַנג פון בלומען: ווייסער ווייַן
אַזוי בלייבסטו ליד מיינס, ווען כ׳וועל שוין מער נישט זיין.

***

אַ פרילינגס-וועלט, מיין שטילער חלום
מיידט דיך, ווי דיך מיידן מיינע לידער,
אַז עס וויינט אין מיר נאָך אַלץ דער „בני היכלא"
און דער טרויעריקער ניגון פון „כל נדרי".

און ס'וועט די בענקשאַפט אייביק נישט געשטילט זיין,
ביז טויט וועט קומען און זאָגן: אַ סוף צום וואַנדערן,
כ'וועל אייביק שוין דאָס טרויעריקע בילד זיין
פון עמעצן אַ ווייטלעכן, אַן אַנדערן.

.1938

# מיין שטעטל

און ווען איך וועל אהין דערגיין,
וועט זיכער שוין דאָס הויז נישט שטיין,
און בלייבן וועט צו טאָן אַ וויין
ווי אַמאָל אַ קינד.

און ווי אַמאָל אין מאַמעס שויס
די מעשה אירע לאָזט זיך אויס:
— געווען אַמאָל, געווען אַ הויז,
נישטאָ, נישטאָ אַצינד.

און צווישן ציגל, הויפנס אַש,
רואינען־גראָז און קויט און סאַזש,
פאַרגאַנגענהייט וועט טאָן אַ טאַש
דערווינט.

נאָר וואָס געווען וועט זיין שוין ווייט,
אַזוי ווייט פאַר נייער צייט,
נייע צייט און נייע לייט —
דאָס מעשהלע פאַרשווינדט.

סיביר, אין לאַגער.

***

דאָס ביסעלע ליידיק גיין ערב אַ ליד,
נישט וועגן, נישט מעסטן, נישט ציילן די טריט.

דאָס ביסעלע סתם אַזוי פֿאַנגען אַ בליק
און אים פֿאַרגעסן און דערמאָנען צוריק.

דאָס פֿילן ווי אַ שליחות אין דרויסן צו גיין
און זיך אומקערן צוריק. ביי אַ ראָג בלייבן שטיין.

ס'איז נישט דער וואָס גייט אַזוי שפּעט צו זיין הויז
און נישט דאָס קינד וואָס וויינט פֿון אַ פֿענצטער אַרויס,

נישט דער ווינט וואָס האָט אַלע ביימער צעוויגט —
(ער האָט זיך מיט עמעץ אַ נאָענטן צעקריגט)

און נישט דער ניגון, אַפֿילו, אין שוואַרצענעם קרעפּ
וואָס הייבט זיך און נידערט אויף פֿאַרבאַהאַלטענע טרעפּ.

נאָר דו ביסט אַליין דער געזוכטער אין פֿרעמד,
וואָס איז צוריקגעקומען מיט אַ פּנים פֿאַרשעמט

ווי דער גזלן אַ רגע נאָך באַגאַנגענער זינד,
גאָט אַליין אַמאָל ער געפֿינט.

.1958

# און ווידער: באַד

הייסט מיר באַשאַפן די וועלט
פונדאַסניי, פון פוסט און וויסט,
נאָר מיינע הענט זיינען אַזוי מיד,
מיינע הענט ציען זיך דרימלענדיק,
בלינדערהייט צו ווייכן פלייש,
צו בריסט,
פון דרימל צום שלאָף
פון שלאָף צום דרימל.
און אַז כ׳הייב מיר אויף,
פון דער ערד צום הימל,
קען איך אויך נישט מער זאָגן ווי:
— כי טוב! כי טוב!
נשמע ונעשה,
עפּעס לעבט!
כאָטש מער איז נישטאָ,
נאָר איך און זי,
און גאָטס גייסט וואָס שוועבט
איבערן וואַסער.

וויפל איז דער שיעור
צעדרויבלען מיך אויף שטויב?
גיסט מיך אַ הויב
און לאָזט צוריק מיך פאַלן,
אַלע קוואַלן
רוישן מיין לעבן אַריבער,
הערן זיך איין צו זיך אַליין,
און איך בין נישטאָ מער
נישטאָ.

# חגי

איז מיין חלק צווישן קליינינקע באַשערט,
בלויז צוויי קאַפּיטעלעך נביאה:
אַ צוויי מאָל צעשאַלט זיך אויף דער ערד,
צוויי מאָל געריסן קריעה.

דערזאָגן וואָס איז נישט געוואָרן דערזאָגט
ביי ווענען אין בליק, ביי ווענען אין לידער,
אַ פּאַנג טאָן אַ קלאַנג צווישן נאַכט און טאָג.
אַ תפילה. אַ ווידוי.

# טריאָלעטן

(1928)

I

נישט באַוויזן האָט דער ערשטער זאַנג אַ נויג צו טאָן אויף בייטן
און שוין קומט ווער און שניידט שוין אָן און קלייבט די פולע גאַרבן,
און נעמט מיט זיי צוזאַמען מיט זומערס אַלע פאַרבן —
נישט באַוויזן האָט דער ערשטער זאַנג אַ נויג צו טאָן אויף בייטן.

אַ ווינטעלס שטער און שטייפער רו פון זונענפעלדערס ווייטן
דערציילט שוין הויך אויף דרייסטער שפּראַך פון גוססן און שטאַרבן,
נישט באַוויזן האָט דער ערשטער זאַנג אַ נויג צו טאָן אויף בייטן
און שוין קומט ווער און שניידט שוין אָן און קלייבט די פולע גאַרבן.

II

דער וויטיק ליגט אין האַרץ — אַ בר מנן אין הויז,
און גראָד איז שבת היינט, מע טאָר נישט קלאָגן,
אַבלים זיצן שטום שווער דעם צער צו טראָגן.
דער וויטיק ליגט אין האַרץ — אַ בר מנן אין הויז.
איז דאָפּלט גרויס דער צער, דאָס אומגליק דאָפּלט גרויס
פאַרן מויל נישט אויסגעבראַכט. טיף אין האַרץ טוט נאָגן,
דער וויטיק ליגט אין האַרץ — אַ בר מנן אין הויז
און גראָד איז שבת היינט: מע טאָר נישט קלאָגן.

## VII

כ׳בין אַ קעמל אויף מיין וואַנדער־וועג,
געגנוג איינמאָל פון דיין לויטערקייט צו טרינקען,
געגוגנט שוין אויף גאַנצע טעג פון זינקען,
ווי אַ קעמל, מיד אויפן וואַנדער־וועג.

כ׳ווייס, מיין גאָט, אַז פון דיין פּראַכט אָן עק
נאָגט מיין זעל נאָר איינציק קליינע פונקען,
און בין, ווי אַ קעמל אויפן וואַנדער־וועג.
איינמאָל נאָר פון דיין לויטערקייט באַטרונקען.

## IV

כגמל — עלי נפשי . . .
(תהלים)

נאָר זעלטן טרעפט אַ ווייל ווערט עס לינד מיר,
פון הימלען ווערט אַ גליק אַזאַ געשיקט,
ווערט יעדער ווייַ און יעדער באַנג דערשטיקט —
נאָר זעלטן טרעפט אַ ווייל ווערט עס לינד מיר.

און מיין זעל עס ווערט אַ קינד מיר,
אַ קינד ביי מוטערס זייט טרייסטנדיק פאַרוויגט
נאָר זעלטן טרעפט אַ ווייל ווערט עס, לינד מיר
פון הימלען ווערט אַ גליק אַזאַ געשיקט.

## V

ווער האָט מיין זייגער היינט אין פיבער־גלי געבינדן?
עס הייבן ווייזערס זיך: צען מינוט נאָך צען,
ווי הענט וואָס הויבן זיך: אַן אומגליק איז געשען!
ווער האָט מיין זייגער היינט אין פיבער־גלי געבינדן?

צי האָט מיין זייגער ערשט דעם מלאך רע געזען
וואָס קומט נאַכט ביי נאַכט שיטן זאַלץ מיר אויף די וואונדן?
ווער האָט מיין זייגער היינט אין פיבער־גלי געצינדן
עס הויבן ווייזערס זיך: צען מינוט נאָך צען.

## VI

שטילע טריט פון הארבסטיקן באַגינען.
אַ ווינטל בלאָזט און לעשט אויס אַלע שטערן,
ווי אויף אַ דיוואַן ווייך נידערט פון די ספערן
מיט שטילע טריט דער הארבסטיקער באַגינען.

עמעץ ווישט די אויגן קוואַלן גערונען,
עמיץ ווישט פון נאַכט אָפּ זיינע טרערן,
שטילע טריט פון הארבסטיקן באַגינען
אַ ווינטל בלאָזט און לעשט אויס אַלע שטערן.

## IIV

זע: די וועלט איז ערשט אַ גיטאַרע מיט סטרונעס אָנגעצויגן,
אָט פֿאַלן אַקאָרדן שטיל, זאָל אַ ווינטל געבן זיי אַ וויג,
און דו ביסט אויך אַן אַקאָרד פֿון דער פֿאַרבלאָנדזשעטער מוזיק
וואָס ציט פֿון וועלט אַצינד ווי אַ גיטאַרע אָנגעצויגן.

און בלייבסט אַזוי אַליין, באַלד טוט דער טאָג זיך נויגן,
אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער אַקאָרד וואָס קען דעם וועג נישט טרעפֿן צוריק,
זע, די וועלט איז ערשט אַ גיטאַרע מיט סטרונעס אָנגעצויגן
אָט פֿאַלן אַקאָרדן שטיל זאָל אַ ווינטל געבן זיי אַ וויג.

# לידער צו אַ קינד

I

ווינטן קושן אוים די אַלטע פּנימער פון די דעכער,
פאַר אַ ביסל רו ביינאַכט
און זייער שכנות.
איך וועל דיין פּנימל דאָס קליינע קושן
ווען סטו מיך אַרומנעמען,
וועל איך אַ לייכטינקער אויפן דינעם גלאָז-בריק טרעטן,
וואָס פון דיין חלום צו דיין וואָר.
דער בוים הינטערן פענצטער וועט דערציילן,
מיר אַזוי ווי דיר,
פון די שעפסן וואָס דער פּאַסטעך האָט געטריבן
אויפן הימל פון פרי ביז דער נאַכט,
(אַ וואָלקנדיקער טאָג געווען).
וועט מיר גוט זיין,
ווייל מיין קלוגשאַפט וועט נישט זיין מער,
ווי דער רעגנבויגן שיין און פאַרשווינדיק,
און אַלע פּאַסירונגען פון מיין טאָג —
ווי דער חלום דיינער וואָס וואַרט אויף דיין מידקייט נאָר,
און מיין לעבן — דער זיגזאַג אין די בערג —
אַזוי גלאַטיק ווי דאָס טראַכטן דיינס פון טאָג,
און מיין ווייטיק, נישט געשטילט דורך טעג און נעכט,
ווי דיין געוויין פאַרן שלאָף וואָס פאַרגייט
אינם געזאַנג איבער דיין וויגל
אַ—אַ—ליו—ליו.

## II

נאָך אַ קוש דיר קינד מיינס פאַר דיין גלויבן
אין מענטש, דעם מלך פון דער בריאה,
דיין טאַטע — דער הענדלער פון די ימים,
האָט די זון און די לבנה אין זיין טייסטער
און ער גיט זיי דיר אין בעטל זיך צו שפּילן.
טעג זיינען וואונדערלעכע מעשיות
פון דיין טאַטנס גבורה,
נעכט זיינען טונקעלע וועלדער
וואו עס באַהאַלטן זיך בערן פאַר זיין ווילדן כוח,
דער דונער איז דיין טאַטנס שטים,
דער בליץ — דער וואונק פון זיין אויג.
און אַז עס באַפאַלט דיך אַ טונקעלע שרעק,
איז גוט דיר מיט דיין טאַטן צו זיין.
און אַז דיין טאַטע בלייבט איבער אַליין
ווייסטו נישט, קינד מיינס, געוויס
אַז עס שרעקט אים זיין אייגן געביין,
זיין שאָטן וואָס פאַלט אויף דער וואַנט,
זיין שאָטן וואָס איז לענגער פון אים,
לענגער און שטאַרקער פון אים,
און סע שרעקט אים אפילו דאָס פלעמל
דאָס קליינע אין לייכטער וואָס צאַנקט,
ווייל עס דערמאָנט אים עפּעס וואָס דו
קינד מיינס, דו ווייסט נישט זיין טייטש.
עס שרעקט אים די בשורה וואָס סע זשומט אוים
אַ פליג איבערן צימער דעם קליינעם,
די שטילקייט נאָכדעם.
און קינד מיינס אפילו ס'געוויין דיינס
וואָס טראָגט זיך אַהינטער זיין טיר,
וואָס אין זיין קליינעם פאַרלאַנג
רוישט אַ קוואַל פון אַ פאַרבאַהאַלטענער טיף,
פון אַ פאַרבאַהאַלטענער טיף.

# אינהאַלט:

●

פון ציקל לידער „סיביר — — — — — — — — — — — — — — — 7 — 27

פון פריער און שפּעטער — — — — — — — — — — — — — — 31 — 63

צוריקוועגס — — — — — — — — — — — — — — — — 65 — 83

אַלט-לובלין און אַנדערע לידער — — — — — — — — — — — — 87 — 111